בעזהשי"ת

# מְגִילַת אֶסְתֵּר

## אִישׁ יְהוּדִי

שַׁיינֶע גֶעדַאנְקֶען, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, וְוִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן פּוּרִים אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פַאַרְנֶעם, אוּן וְוִי אַזוֹי מִיטְצוּנֶעמֶען דִי הַשְׁפָּעוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵנוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וְוִי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וְוִי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהשי"ת דוּרְךְ
חַסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נְיוּ יָארְק יצ"ו
חוֹדֶשׁ אֲדָר שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**


סדר ועימוד, כריכה ושערים:
**א.י.ש. אשדוד**
08-8650078
0527627127

# לזכר עולם יהיה צדיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

# מורינו ראש הישיבה שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי'

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון ומשפ',**

**נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא ויזכו לרות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

# אַרײַנְפִיר

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, מִשְׁלֵי ט׳): ״אֲפִילוּ אוֹיבּ אַנְדֶערֶע יָמִים טוֹבִים װעלְן בָּטֵל װֶערְן, װעט אָבֶּער דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים קֵיינְמָאל נִישְׁט בָּטֵל װֶערְן, אַזוֹי װי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֶסְתֵּר ט׳, כ״ח) ״וִימֵי הַפּוּרִים הָאֵלֶּה לֹא יַעַבְרוּ מִתּוֹךְ הַיְּהוּדִים״.

פַארְוָואס אִיז דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אַזוֹי גְרוֹיס? וַוייל דֶער נֵס פּוּרִים אִיז נִישְׁט נָאר אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט, נָאר דֶער זֶעלְבֶּער נֵס חַזְר׳ט זִיךְ אִיבֶּער נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אִין יֶעדְן דוֹר גֵייעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער דוּרְךְ שְׁוֶועריקֵייטְן און פְּרָאבְּלֶעמֶען, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַלֶעמָאל דִי אִידְן צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְקוּמֶען זֵייעֶרֶע צָרוֹת און יִסוּרִים, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אַזוֹי גְרוֹיס, דֶער נֵס פּוּרִים וַוייזְט אוּנְז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז און עֶר װעט אוּנְז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלָאזְן.

וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען הָאבְּן? אַז עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים, און אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אִים קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. װִי לַאנְג אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט אִים אוֹיף טְרִיט און שְׁרִיט, קֶען עֶר אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס קוּמֶען אוֹיף אִים, וַוייל עֶר הָאט דֶעם אַדְרֶעס וואוּ זִיךְ צוּ װֶענְדְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע און בֶּעסְטֶע אַדְרֶעס וואוּ זִיךְ װֶענְדְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער װעט זִיכֶער הֶעלְפְן דִי אַלֶע וָואס װֶענְדְן זִיךְ צוּ אִים.

װֶוען אַ אִיד פַארְגֶעסְט אָבֶּער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶס הוֹיבְּן אָן אַרײַנְצוּקוּמֶען סְפֵיקוֹת בַּיי אִים אִין קָאפּ, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יָא דָא אָדֶער נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים יָא הָאבְּן אָדֶער נִישְׁט, דַאן הוֹיבְּן זִיךְ אָן זַיינֶע רִיכְטִיגֶע צָרוֹת. עֶר הָאט נִישְׁט צוּ װֶועמֶען זִיךְ צוּ װֶענְדְן, זַיין לֶעבְּן װֶוערְט אִים פַארְשְׁוַוארְצְט און דֶערְבִּיטֶערְט.

דֶערִיבֶּער זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְגִילָה ל:) אַז פּוּרִים לֵיינְט מֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן "וַיָּבֹא עֲמָלֵק". "עֲמָלֵק" אִיז בְּגִימַטְרִיָא "סָפֵק", עֲמָלֵק אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט סְפֵיקוֹת אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יָא מִיט זֵיי אָדֶער נִישְׁט, אַזוֹי וְוִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ז, ז') "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן", אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה. אוּנְזֶער פְּלִיכְט אִיז (שְׁמוֹת י"ז, ט"ז) "מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר", מִיר דַארְפְן מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דֶעם עֲמָלֵק, מִיר דַארְפְן חַזְרְ'ן נָאכַאנַאנְד אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט, נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן אוּן נָאר עֶר קֶען אוּנְז הֶעלְפְן.

וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, וְוִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמ"ה, י"ז) "צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו", אוּן "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט קֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא" (דְּבָרִים ל"ב, ד'), דַאן קֶען דֶער מֶענְטְשׁ זַיין פְרֵיילִיךְ.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִילָה, אוּן מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט, זֶעט מֶען וְוִי דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע נִסִּים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין דִי טֶבַע. דָאס מֵיינְט אַז פוּן אוֹיבְנְאוֹיף וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז דִי אַלֶע זַאכְן הָאט פָּשׁוּט אַזוֹי פַּאסִירְט; פּוּנְקְט הָאט אַחַשְׁוֵרוֹשׁ זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶע'הַרְגְ'ט זַיין קֶענִיגִן וַשְׁתִּי, פּוּנְקְט הָאט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז בִּגְתָן אוּן תֶרֶשׁ ווִילְן הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם קֶענִיג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה קוּקְט אוֹיס וְוִי אַלֶעס אִיז גֶעשֶׁען בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע; וֶוען דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן מֶען הָאט צוּזַאמֶגֶעשְׁטֶעלְט דִי אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען, הָאט מֶען קְלָאר גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַלֶעס גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן חֶשְׁבּוֹן צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ רַאטֶעוֶוען דִי אִידְן.

דָאס אִיז גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חִזּוּק פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן עֶס קֶען אוֹיסְזֶען וְוִי עֶר הָאט אוּנְז אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְט אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט. דַארְף מֶען אָבֶּער ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אוּנְז, עֶר פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וְוִי עֶס פַּאסִירְט פָּשׁוּט בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע,

װערן אֱמֶת׳דיג אויף גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעװאַלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַארְװאס דָאס דַארְף אַזוֹי צוּ זַיין.

װען מֶען הֶערְט אוֹיס דִי מְגִילָה לֵיינֶען, דַארְף מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי װִי דִי מַעֲשֶׂה הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט מִיט אוּנְז אַלֵיין. װַייל װען מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז אוֹיךְ הַיינְט טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ גְרוֹיסֶע נִסִים, נָאר זֵיי זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אוּן זֶעעֶן אוֹיס װִי אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע. דִי פְלִיכְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אַריינְצוּטְרַאכְטְן אִין דֶעם, צוּ זֶען אוּן בַּאמֶערְקְן דִי אַלֶע נִסִים װָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים כְּסֵדֶר, אַזוֹי װִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן דֶעמָאלְט אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְכַי הַצַדִיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה.

מִיט טוּעֶן דָא פָארְשְׁטֶעלְן פַאר אַייךְ דֶעם קוּנְטְרֵס "מְגִילַת אֶסְתֵּר - אִישׁ יְהוּדִי", אַ זַאמְלוּנְג פוּן שֵׁיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוֹיף דִי מְגִילָה, מִיט גֶעקְלִיבֶּענֶע בְּרִיװ, װָאס זֶענֶען מְחַזֵק אוּן שְׁטַארְקְן יֶעדְן אִיד אוּן יֶעדְן מַצָב, עֶר זָאל װִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים, אוּן װָאס עֶס מֵיינְט דֶער הֵיילִיגֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים פַאר אוּנְז, אוּן װִי אַזוֹי מִיטְצוּנֶעמֶען דִי לִימוּדִים פוּנֶעם יוֹם טוֹב אוֹיפְ׳ן גַאנְצְן יָאר.

מִיר גֶעבְּן אַרוֹיס דֶעם קוּנְטְרֵס אִין אַיילֶענִישׁ, לְרֶגֶל דִי שִׂמְחָה בְּבֵית הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, צוּ דִי שִׂמְחַת הַחֲתוּנָה פוּן זַיין זוּן הַחָתָן מו"ה אֶלְחָנָן חַיִים שְׁלִיטָ"א, אוּם ה׳ אָדָר תשפ"א לפ"ק. מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעאַיילְט צוּ פַארֶענְדִיגְן דֶעם קוּנְטְרֵס אִין צַייט, וְעוֹד חָזוֹן לַמוֹעֵד צוּצוּלֵייגְן נָאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף פּוּרִים אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַהֲדוּרוֹת, מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אוֹיסְנוּצְן דִי פְרֵיילִיכֶע אוּן הֵיילִיגֶע טֶעג װִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת װָאס קוּמֶען אַרָאפּ אִין דִי טֶעג, אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעמָאל, װֶעלְן מִיר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי װֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע װֶעלְט.

# סדר ברכות המגילה

קוראים את המגילה בערב אחר תפילת ערבית,
וביום אחר קריאת התורה, הקורא מברך שלש ברכות:

**בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל מִקְרָא מְגִלָּה:**

**בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה:**

**בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:**

בשחרית יכוין בברכת "שהחיינו" גם על מצות מתנות לאביונים,
ומצות משלוח מנות איש לרעהו, ומצות סעודת פורים.

א א וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הוּא אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הַמֹּלֵךְ מֵהֹדּוּ
וְעַד־כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה: ב בַּיָּמִים הָהֵם
כְּשֶׁבֶת ׀ הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ עַל כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ אֲשֶׁר בְּשׁוּשַׁן
הַבִּירָה: ג בִּשְׁנַת שָׁלוֹשׁ לְמָלְכוֹ עָשָׂה מִשְׁתֶּה לְכָל־שָׂרָיו
וַעֲבָדָיו חֵיל ׀ פָּרַס וּמָדַי הַפַּרְתְּמִים וְשָׂרֵי הַמְּדִינוֹת לְפָנָיו:
ד בְּהַרְאֹתוֹ אֶת־עֹשֶׁר כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ וְאֶת־יְקָר תִּפְאֶרֶת
גְּדוּלָּתוֹ יָמִים רַבִּים שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם: ה וּבִמְלוֹאת ׀
הַיָּמִים הָאֵלֶּה עָשָׂה הַמֶּלֶךְ לְכָל־הָעָם הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשַׁן
הַבִּירָה לְמִגָּדוֹל וְעַד־קָטָן מִשְׁתֶּה שִׁבְעַת יָמִים בַּחֲצַר גִּנַּת
בִּיתַן הַמֶּלֶךְ: ו חוּר ׀ כַּרְפַּס וּתְכֵלֶת אָחוּז בְּחַבְלֵי־בוּץ
וְאַרְגָּמָן עַל־גְּלִילֵי כֶסֶף וְעַמּוּדֵי שֵׁשׁ מִטּוֹת ׀ זָהָב וָכֶסֶף
עַל רִצְפַת בַּהַט־וָשֵׁשׁ וְדַר וְסֹחָרֶת: ז וְהַשְׁקוֹת בִּכְלֵי זָהָב
וְכֵלִים מִכֵּלִים שׁוֹנִים וְיֵין מַלְכוּת רָב כְּיַד הַמֶּלֶךְ: ח וְהַשְּׁתִיָּה
כַדָּת אֵין אֹנֵס כִּי־כֵן ׀ יִסַּד הַמֶּלֶךְ עַל כָּל־רַב בֵּיתוֹ
לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ־וָאִישׁ: ט גַּם וַשְׁתִּי הַמַּלְכָּה עָשְׂתָה
מִשְׁתֵּה נָשִׁים בֵּית הַמַּלְכוּת אֲשֶׁר לַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ: י בַּיּוֹם
הַשְּׁבִיעִי כְּטוֹב לֵב־הַמֶּלֶךְ בַּיָּיִן אָמַר לִמְהוּמָן בִּזְּתָא
חַרְבוֹנָא בִּגְתָא וַאֲבַגְתָא זֵתַר וְכַרְכַּס שִׁבְעַת הַסָּרִיסִים

אִישׁ יְהוּדִי

## אַז מֶען טְרַאכְט עֶס וועט זַיין גוּט וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה י:): ״כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְהִי, אֵינוֹ אֶלָּא לָשׁוֹן צַעַר״, אִיבֶּערָאל וואו עֶס שְׁטֵייט דָאס וָוארט ׳וַיְהִי׳ - ׳עֶס אִיז גֶעוֶוען׳, אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן צַעַר, עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי אָנְהֵייבּ פוּן אַ צַעַר, אָבֶּער ״וְהָיָה״, אַז מֶען קוּקְט אוֹיף וַוייטֶער, מֶען טְרַאכְט עֶס גֵייט זַיין גוּט, ״אֶלָּא לָשׁוֹן שִׂמְחָה״, וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ.

הַמְשָׁרְתִ֔ים אֶת־פְּנֵ֖י הַמֶּ֥לֶךְ אֲחַשְׁוֵרֽוֹשׁ׃ יא לְ֠הָבִיא אֶת־וַשְׁתִּ֧י
הַמַּלְכָּ֛ה לִפְנֵ֥י הַמֶּ֖לֶךְ בְּכֶ֣תֶר מַלְכ֑וּת לְהַרְא֨וֹת הָֽעַמִּ֤ים
וְהַשָּׂרִים֙ אֶת־יָפְיָ֔הּ כִּֽי־טוֹבַ֥ת מַרְאֶ֖ה הִֽיא׃ יב וַתְּמָאֵ֞ן הַמַּלְכָּ֣ה
וַשְׁתִּ֗י לָבוֹא֙ בִּדְבַ֣ר הַמֶּ֔לֶךְ אֲשֶׁ֖ר בְּיַ֣ד הַסָּרִיסִ֑ים וַיִּקְצֹ֤ף
הַמֶּ֙לֶךְ֙ מְאֹ֔ד וַחֲמָת֖וֹ בָּעֲרָ֥ה בֽוֹ׃ יג וַיֹּ֣אמֶר הַמֶּ֔לֶךְ לַחֲכָמִ֖ים
יֹדְעֵ֣י הָעִתִּ֑ים כִּי־כֵן֙ דְּבַ֣ר הַמֶּ֔לֶךְ לִפְנֵ֕י כָּל־יֹדְעֵ֖י דָּ֥ת וָדִֽין׃
יד וְהַקָּרֹ֣ב אֵלָ֗יו כַּרְשְׁנָ֤א שֵׁתָר֙ אַדְמָ֣תָא תַרְשִׁ֔ישׁ מֶ֥רֶס
מַרְסְנָ֖א מְמוּכָ֑ן שִׁבְעַ֞ת שָׂרֵ֣י ׀ פָּרַ֣ס וּמָדַ֗י רֹאֵי֙ פְּנֵ֣י הַמֶּ֔לֶךְ
הַיֹּשְׁבִ֥ים רִאשֹׁנָ֖ה בַּמַּלְכֽוּת׃ טו כְּדָת֙ מַה־לַּעֲשׂ֔וֹת בַּמַּלְכָּ֖ה
וַשְׁתִּ֑י עַ֣ל ׀ אֲשֶׁ֣ר לֹֽא־עָשְׂתָ֗ה אֶֽת־מַאֲמַר֙ הַמֶּ֣לֶךְ אֲחַשְׁוֵר֔וֹשׁ
בְּיַ֖ד הַסָּרִיסִֽים׃ טז וַיֹּ֣אמֶר מומכן (מְמוּכָ֗ן קרי) לִפְנֵ֤י הַמֶּ֙לֶךְ֙
וְהַשָּׂרִ֔ים לֹ֤א עַל־הַמֶּ֙לֶךְ֙ לְבַדּ֔וֹ עָוְתָ֖ה וַשְׁתִּ֣י הַמַּלְכָּ֑ה כִּ֚י
עַל־כָּל־הַשָּׂרִים֙ וְעַל־כָּל־הָ֣עַמִּ֔ים אֲשֶׁ֕ר בְּכָל־מְדִינ֖וֹת הַמֶּ֥לֶךְ
אֲחַשְׁוֵרֽוֹשׁ׃ יז כִּֽי־יֵצֵ֤א דְבַר־הַמַּלְכָּה֙ עַל־כָּל־הַנָּשִׁ֔ים לְהַבְז֥וֹת
בַּעְלֵיהֶ֖ן בְּעֵינֵיהֶ֑ן בְּאָמְרָ֗ם הַמֶּ֨לֶךְ אֲחַשְׁוֵר֜וֹשׁ אָמַ֞ר לְהָבִ֨יא
אֶת־וַשְׁתִּ֧י הַמַּלְכָּ֛ה לְפָנָ֖יו וְלֹא־בָֽאָה׃ יח וְֽהַיּ֨וֹם הַזֶּ֜ה
תֹּאמַ֣רְנָה ׀ שָׂר֣וֹת פָּֽרַס־וּמָדַ֗י אֲשֶׁ֤ר שָֽׁמְעוּ֙ אֶת־דְּבַ֣ר הַמַּלְכָּ֔ה
לְכֹ֖ל שָׂרֵ֣י הַמֶּ֑לֶךְ וּכְדַ֖י בִּזָּי֥וֹן וָקָֽצֶף׃ יט אִם־עַל־הַמֶּ֣לֶךְ ט֗וֹב
יֵצֵ֤א דְבַר־מַלְכוּת֙ מִלְּפָנָ֔יו וְיִכָּתֵ֛ב בְּדָתֵ֥י פָֽרַס־וּמָדַ֖י וְלֹ֣א
יַעֲב֑וֹר אֲשֶׁ֨ר לֹֽא־תָב֜וֹא וַשְׁתִּ֗י לִפְנֵי֙ הַמֶּ֣לֶךְ אֲחַשְׁוֵר֔וֹשׁ
וּמַלְכוּתָהּ֙ יִתֵּ֣ן הַמֶּ֔לֶךְ לִרְעוּתָ֖הּ הַטּוֹבָ֥ה מִמֶּֽנָּה׃ כ וְנִשְׁמַע֩
פִּתְגָ֨ם הַמֶּ֤לֶךְ אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה֙ בְּכָל־מַלְכוּת֔וֹ כִּ֥י רַבָּ֖ה הִ֑יא
וְכָל־הַנָּשִׁ֗ים יִתְּנ֤וּ יְקָר֙ לְבַעְלֵיהֶ֔ן לְמִגָּד֖וֹל וְעַד־קָטָֽן׃ כא וַיִּיטַב֙
הַדָּבָ֔ר בְּעֵינֵ֥י הַמֶּ֖לֶךְ וְהַשָּׂרִ֑ים וַיַּ֥עַשׂ הַמֶּ֖לֶךְ כִּדְבַ֥ר מְמוּכָֽן׃

כב וַיִּשְׁלַח סְפָרִים אֶל־כָּל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ אֶל־מְדִינָה וּמְדִינָה
כִּכְתָבָהּ וְאֶל־עַם וָעָם כִּלְשׁוֹנוֹ לִהְיוֹת כָּל־אִישׁ שֹׂרֵר בְּבֵיתוֹ
וּמְדַבֵּר כִּלְשׁוֹן עַמּוֹ׃

ב א אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כְּשֹׁךְ חֲמַת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
זָכַר אֶת־וַשְׁתִּי וְאֵת אֲשֶׁר־עָשָׂתָה וְאֵת אֲשֶׁר־נִגְזַר
עָלֶיהָ׃ ב וַיֹּאמְרוּ נַעֲרֵי־הַמֶּלֶךְ מְשָׁרְתָיו יְבַקְשׁוּ לַמֶּלֶךְ נְעָרוֹת
בְּתוּלוֹת טוֹבוֹת מַרְאֶה׃ ג וְיַפְקֵד הַמֶּלֶךְ פְּקִידִים בְּכָל־
מְדִינוֹת מַלְכוּתוֹ וְיִקְבְּצוּ אֶת־כָּל־נַעֲרָה־בְתוּלָה טוֹבַת
מַרְאֶה אֶל־שׁוּשַׁן הַבִּירָה אֶל־בֵּית הַנָּשִׁים אֶל־יַד הֵגֶא סְרִיס
הַמֶּלֶךְ שֹׁמֵר הַנָּשִׁים וְנָתוֹן תַּמְרוּקֵיהֶן׃ ד וְהַנַּעֲרָה אֲשֶׁר תִּיטַב
בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ תִּמְלֹךְ תַּחַת וַשְׁתִּי וַיִּיטַב הַדָּבָר בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ

אִישׁ יְהוּדִי

## בִּשְׁעַת'ן לֵיינֶען דִי מְגִילָה עֶפֶענֶען זִיךְ אוֹיף אַלֶע הִימְלֶען אוּן מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִיקִים אַז בִּשְׁעַת'ן לֵיינֶען דִי מְגִילָה עֶפֶענֶען זִיךְ אוֹיף אַלֶע הִימְלֶען אוּן מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. וַוייל יֶעדֶעס מָאל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָה דָאס וָוארְט 'הַמֶּלֶךְ' סְתַּם, אִיז דָאס מְרַמֵז אוֹיפְ'ן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וֶועלְן מִיר טַאקֶע זוֹכֶה זַיין צוּ (אֶסְתֵּר ב, ג): "וְיַפְקֵד הַמֶּלֶךְ פְּקִידִים בְּכָל מְדִינוֹת מַלְכוּתוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז פּוֹקֵד זַיין מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

בִּשְׁעַת'ן לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ פּוֹעֵלְ'ן שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער וְכוּ', אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה ד:): "עֵינֵיהֶם שֶׁל עֲנִיִּים נְשׂוּאוֹת בְּמִקְרָא מְגִילָה", דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן - וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַן עָנִי אוֹיף זַיין אוֹפָן - קוּקְן אַרוֹיס אוּן מִיר וַוארְטְן אַלֶע צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דֶערְבֵּיי מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

וַיַּ֥עַשׂ כֵּֽן׃ ה אִ֣ישׁ יְהוּדִ֔י הָיָ֖ה בְּשׁוּשַׁ֣ן הַבִּירָ֑ה וּשְׁמ֣וֹ מָרְדֳּכַ֗י בֶּ֣ן יָאִ֧יר בֶּן־שִׁמְעִ֛י בֶּן־קִ֖ישׁ אִ֥ישׁ יְמִינִֽי׃ ו אֲשֶׁ֤ר הָגְלָה֙

אִישׁ יְהוּדִי

**וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה דַארְף מֶען בֶּעטְן און בֶּעטְן און נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן**

**פּוּרִים** איז אַ טָאג פון תְּפִלָּה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה א, ד): "כָּל הַפּוֹשֵׁט יָד - נוֹתְנִים לוֹ", וָואס אַ איד בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים - גֶעבְּט מֶען אִים; דָאס הָאט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה זָאל עֶר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף זַיין צָרָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יב:): "תָּנָא כֻּלָּן עַל שְׁמוֹ נִקְרְאוּ", מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיט אַסַאךְ נֶעמֶען: "בֶּן יָאִיר", מָרְדְּכַי הֵייסְט בֶּן יָאִיר וַוייל עֶר הָאט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט זַיינֶע תְּפִילּוֹת; "בֶּן שִׁמְעִי", מָרְדְּכַי וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיטְ'ן נָאמֶען בֶּן שִׁמְעִי וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט זַיינֶע תְּפִילּוֹת; "בֶּן קִישׁ", עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בֶּן קִישׁ, וַוייל קִישׁ אִיז אַ לָשׁוֹן פון קְלַאפְּן, "שֶׁהִקִּישׁ עַל שַׁעֲרֵי רַחֲמִים וְנִפְתְּחוּ לוֹ", עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיף דִי טִירְן אוֹיבְן אִין הִימְל מֶען זָאל אִים עֶפֶענֶען, מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף דִי אִידְן - און מֶען הָאט אִים גֶעעֶפֶענְט.

**אַסַאךְ** מָאל שְׁפִּירְט אַ מֶענְטְשׁ ווִי אַלֶעס אִיז שׁוֹין פַארְמַאכְט, אַלֶע טוֹיעֶרְן אִין הִימְל זֶענֶען פַארְמַאכְט פַאר אִים און דִי גְזֵירָה אִיז שׁוֹין גֶע'חַתְמְ'עֶט; מִיט דֶעם אַלֶעם טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וָואס מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָאט גֶעטוּן וֶוען דִי גְזֵירָה פון הָמָן הָרָשָׁע אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן, "שֶׁהִקִּישׁ עַל שַׁעֲרֵי רַחֲמִים וְנִפְתְּחוּ לוֹ", עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיף דִי טִירְן פון הִימְל בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעעֶפֶענְט.

**עֶס אִיז דָא אַ טִיר וָואס וֶוען מֶען קְלַאפְּט דָארְט עֶפְנְט מֶען אוֹיף**

... בְּנוֹגֵעַ אַז אַסַאךְ מָאל קְלַאפְּסְטוּ בַּיי מַיין טִיר און אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט; דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען און אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלְץ

מִירוּשָׁלַיִם עִם־הַגֹּלָה אֲשֶׁר הָגְלְתָה עִם יְכָנְיָה מֶלֶךְ־יְהוּדָה
אֲשֶׁר הֶגְלָה נְבוּכַדְנֶצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל: ז וַיְהִי אֹמֵן אֶת־הֲדַסָּה
הִיא אֶסְתֵּר בַּת־דֹּדוֹ כִּי אֵין לָהּ אָב וָאֵם וְהַנַּעֲרָה יְפַת־תֹּאַר
וְטוֹבַת מַרְאֶה וּבְמוֹת אָבִיהָ וְאִמָּהּ לְקָחָהּ מָרְדֳּכַי לוֹ לְבַת:
ח וַיְהִי בְּהִשָּׁמַע דְּבַר־הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ וּבְהִקָּבֵץ נְעָרוֹת רַבּוֹת
אֶל־שׁוּשַׁן הַבִּירָה אֶל־יַד הֵגָי וַתִּלָּקַח אֶסְתֵּר אֶל־בֵּית
הַמֶּלֶךְ אֶל־יַד הֵגַי שֹׁמֵר הַנָּשִׁים: ט וַתִּיטַב הַנַּעֲרָה בְעֵינָיו

אִישׁ יְהוּדִי

עֶפֶּענֶען וֶוען מֶען קְלַאפְּט. אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ טִיר וָואס וֶוען אִימֶער מֶען קְלַאפְּט אוֹיף יֶענֶעם טִיר עֶפְנְט מֶען, קְלַאפּ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס טִיר. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִילָּה יב:): מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָאט גֶעהַאט אַפָּאר נֶעמֶען "בֶּן יָאִיר" - עֶר הָאט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט זַיינֶע תְּפִילוֹת; "בֶּן שִׁמְעִי" - עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען הָאט צוּגֶעהֶערְט זַיינֶע תְּפִילוֹת; "בֶּן קִישׁ" - 'קִישׁ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן קְלַאפְּן, "שֶׁהִקִּישׁ עַל שַׁעֲרֵי רַחֲמִים וְנִפְתְּחוּ לוֹ", עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיף דִי טִירְן אוֹיבְן אִין הִימְל מֶען זָאל אִים עֶפֶענֶען, מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי אִידְן - אוּן מֶען הָאט אִים גֶעעֶפְנְט.

### דוּרְךְ זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נִיסִים

דִי גַאנְצֶע נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וָואס הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּצְנִיעוּת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (תַּרְגּוּם אֶסְתֵּר ב, ז): "אֶסְתֵּר הֲוַוּ קָרֵין לָהּ", מֶען הָאט גֶערוּפְן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִיטְ'ן נָאמֶען 'אֶסְתֵּר', "עַל דִי הֲוַת צְנִיעָא בְּבֵיתָא דְמָרְדְּכַי שַׁבְעִין וַחֲמֵשׁ שְׁנִין, וְלָא חֲזַת אַפֵּי גְבַר אֱלָהֵן אַפֵּי מָרְדְּכַי", וַוייל אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג אִין מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק'ס הוֹיז; פַאר פִינְף אוּן זִיבֶּעצִיג יָאר הָאט זִי נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע מַאן, זִי הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק - דֶערְפַאר הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רַאטֶעוֶועט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

וַתִּשָּׂ֨א חֶ֣סֶד לְפָנָיו֒ וַ֠יְבַהֵל אֶת־תַּמְרוּקֶ֨יהָ וְאֶת־מָנוֹתֶ֜הָ לָתֵ֣ת
לָ֗הּ וְאֵת֙ שֶׁ֣בַע הַנְּעָר֔וֹת הָרְאֻי֥וֹת לָֽתֶת־לָ֖הּ מִבֵּ֣ית הַמֶּ֑לֶךְ
וַיְשַׁנֶּ֧הָ וְאֶת־נַעֲרוֹתֶ֛יהָ לְט֖וֹב בֵּ֥ית הַנָּשִֽׁים׃ י לֹא־הִגִּ֣ידָה אֶסְתֵּ֔ר
אֶת־עַמָּ֖הּ וְאֶת־מֽוֹלַדְתָּ֑הּ כִּ֧י מָרְדֳּכַ֛י צִוָּ֥ה עָלֶ֖יהָ אֲשֶׁ֥ר לֹֽא־
תַגִּֽיד׃ יא וּבְכָל־י֣וֹם וָי֔וֹם מָרְדֳּכַי֙ מִתְהַלֵּ֔ךְ לִפְנֵ֖י חֲצַ֣ר בֵּית־
הַנָּשִׁ֑ים לָדַ֙עַת֙ אֶת־שְׁל֣וֹם אֶסְתֵּ֔ר וּמַה־יֵּעָשֶׂ֖ה בָּֽהּ׃ יב וּבְהַגִּ֡יעַ
תֹּר֩ נַעֲרָ֨ה וְנַעֲרָ֜ה לָב֣וֹא ׀ אֶל־הַמֶּ֣לֶךְ אֲחַשְׁוֵר֗וֹשׁ מִקֵּץ֙ הֱי֨וֹת
לָ֜הּ כְּדָ֤ת הַנָּשִׁים֙ שְׁנֵ֣ים עָשָׂ֣ר חֹ֔דֶשׁ כִּ֛י כֵּ֥ן יִמְלְא֖וּ יְמֵ֣י
מְרוּקֵיהֶ֑ן שִׁשָּׁ֤ה חֳדָשִׁים֙ בְּשֶׁ֣מֶן הַמֹּ֔ר וְשִׁשָּׁ֤ה חֳדָשִׁים֙ בַּבְּשָׂמִ֔ים
וּבְתַמְרוּקֵ֖י הַנָּשִֽׁים׃ יג וּבָזֶ֕ה הַֽנַּעֲרָ֖ה בָּאָ֣ה אֶל־הַמֶּ֑לֶךְ אֵת֩
כָּל־אֲשֶׁ֨ר תֹּאמַ֜ר יִנָּ֤תֵֽן לָהּ֙ לָב֣וֹא עִמָּ֔הּ מִבֵּ֥ית הַנָּשִׁ֖ים
עַד־בֵּ֥ית הַמֶּֽלֶךְ׃ יד בָּעֶ֣רֶב ׀ הִ֣יא בָאָ֗ה וּ֠בַבֹּקֶר הִ֣יא שָׁבָ֞ה
אֶל־בֵּ֤ית הַנָּשִׁים֙ שֵׁנִ֔י אֶל־יַ֛ד שַֽׁעַשְׁגַ֥ז סְרִ֥יס הַמֶּ֖לֶךְ שֹׁמֵ֣ר
הַפִּֽילַגְשִׁ֑ים לֹא־תָב֥וֹא עוֹד֙ אֶל־הַמֶּ֔לֶךְ כִּ֣י אִם־חָפֵ֥ץ בָּ֛הּ
הַמֶּ֖לֶךְ וְנִקְרְאָ֥ה בְשֵֽׁם׃ טו וּבְהַגִּ֣יעַ תֹּר־אֶסְתֵּ֣ר בַּת־אֲבִיחַ֣יִל
דֹּ֣ד מָרְדֳּכַ֡י אֲשֶׁר֩ לָֽקַֽח־ל֨וֹ לְבַ֜ת לָב֣וֹא אֶל־הַמֶּ֗לֶךְ לֹ֤א
בִקְשָׁה֙ דָּבָ֔ר כִּ֠י אִ֣ם אֶת־אֲשֶׁ֥ר יֹאמַ֛ר הֵגַ֥י סְרִיס־הַמֶּ֖לֶךְ
שֹׁמֵ֣ר הַנָּשִׁ֑ים וַתְּהִ֤י אֶסְתֵּר֙ נֹשֵׂ֣את חֵ֔ן בְּעֵינֵ֖י כָּל־רֹאֶֽיהָ׃
טז וַתִּלָּקַ֨ח אֶסְתֵּ֜ר אֶל־הַמֶּ֤לֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ֙ אֶל־בֵּ֣ית מַלְכוּת֔וֹ
בַּחֹ֥דֶשׁ הָעֲשִׂירִ֖י הוּא־חֹ֣דֶשׁ טֵבֵ֑ת בִּשְׁנַת־שֶׁ֖בַע לְמַלְכוּתֽוֹ׃
יז וַיֶּאֱהַ֨ב הַמֶּ֤לֶךְ אֶת־אֶסְתֵּר֙ מִכָּל־הַנָּשִׁ֔ים וַתִּשָּׂא־חֵ֥ן וָחֶ֛סֶד
לְפָנָ֖יו מִכָּל־הַבְּתוּל֑וֹת וַיָּ֤שֶׂם כֶּֽתֶר־מַלְכוּת֙ בְּרֹאשָׁ֔הּ וַיַּמְלִיכֶ֖הָ
תַּ֥חַת וַשְׁתִּֽי׃ יח וַיַּ֨עַשׂ הַמֶּ֜לֶךְ מִשְׁתֶּ֣ה גָד֗וֹל לְכָל־שָׂרָיו֙ וַעֲבָדָ֔יו
אֵ֖ת מִשְׁתֵּ֣ה אֶסְתֵּ֑ר וַהֲנָחָ֤ה לַמְּדִינוֹת֙ עָשָׂ֔ה וַיִּתֵּ֥ן מַשְׂאֵ֖ת

כְּיַד הַמֶּלֶךְ: יט וּבְהִקָּבֵץ בְּתוּלוֹת שֵׁנִית וּמָרְדֳּכַי יֹשֵׁב
בְּשַׁעַר־הַמֶּלֶךְ: כ אֵין אֶסְתֵּר מַגֶּדֶת מוֹלַדְתָּהּ וְאֶת־עַמָּהּ
כַּאֲשֶׁר צִוָּה עָלֶיהָ מָרְדֳּכָי וְאֶת־מַאֲמַר מָרְדֳּכַי אֶסְתֵּר עֹשָׂה
כַּאֲשֶׁר הָיְתָה בְאָמְנָה אִתּוֹ: כא בַּיָּמִים הָהֵם וּמָרְדֳּכַי יוֹשֵׁב
בְּשַׁעַר־הַמֶּלֶךְ קָצַף בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ שְׁנֵי־סָרִיסֵי הַמֶּלֶךְ מִשֹּׁמְרֵי



### אֲפִילוּ מֶען אִיז דוּרכְגֶעפַאלְן דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה יג:): "אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָיְתָה עוֹמֶדֶת מֵחֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְטוֹבֶלֶת, וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְכַי", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, עֶר לִיגְט שׁוֹין אִינֶעם שׁוֹיס פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, דָאס הֵייסְט עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן וְכוּ' וְכוּ', זָאל עֶר טוּן וָואס אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאט גֶעטוּן: "טוֹבֶלֶת" - גֵיי אִין מִקְוֶה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה, "וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְכַי" - אוּן לוֹיף צוּ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר אִיז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וָואס אִיז מַכְנִיעַ עֲמָלֵק אִין יֶעדְן דוֹר, הֶער דֶעם קוֹל וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרֵייט: "גִּיוַואלְד, קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען!" נָאר יֶעדֶער קֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶער קֶען אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

### דֶער יֵצֶר הָרָע הַאלְט נִישְׁט אוֹיס וֶוען<br>אַ אִיד קוּמְט וִוידֶער צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, הָמָן הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט; כָּבוֹד, גֶעלְט, הַייזֶער אוּן קִינְדֶער, אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט אִים גְרוֹיס גֶעמַאכְט אוּן אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַלְס שַׂר אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מְדִינוֹת, פַארְוָואס אִיז אִים אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז מָרְדְּכַי בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים?! הָמָן הָאט גֶעזָאגְט (אֶסְתֵּר ה, יג): "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי בְּכָל עֵת אֲשֶׁר אֲנִי רֹאֶה אֶת מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ", עֶס אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד מַיין

הַסַּף וַיְבַקְשׁוּ לִשְׁלֹחַ יָד בַּמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ: כב וַיִּוָּדַע הַדָּבָר
לְמָרְדֳּכַי וַיַּגֵּד לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר לַמֶּלֶךְ
בְּשֵׁם מָרְדֳּכָי: כג וַיְבֻקַּשׁ הַדָּבָר וַיִּמָּצֵא וַיִּתָּלוּ שְׁנֵיהֶם עַל־עֵץ
וַיִּכָּתֵב בְּסֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ:

ג א אַחַר ׀ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה גִּדַּל הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אֶת־הָמָן
בֶּן־הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי וַיְנַשְּׂאֵהוּ וַיָּשֶׂם אֶת־כִּסְאוֹ מֵעַל כָּל־
הַשָּׂרִים אֲשֶׁר אִתּוֹ: ב וְכָל־עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ
כֹּרְעִים וּמִשְׁתַּחֲוִים לְהָמָן כִּי־כֵן צִוָּה־לוֹ הַמֶּלֶךְ וּמָרְדֳּכַי
לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה: ג וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־בְּשַׁעַר

אִישׁ יְהוּדִי

גַאנְצֶע רַייכְטוּם וֶוען אִיךְ זֶע מָרְדְּכַי זִיצְן בַּיים טוֹיעֶר פוּן קֶענִיג; וָואס הָאט אִים אַזוֹי גֶעאַרְט? וָואס הָאסְטוּ מִיט מָרְדְּכַי? דֶער גַאנְצֶער לַאנְד גֶעבְּט דִיר אָפּ כָּבוֹד, וָואס וֶוערְסְטוּ אַזוֹי אוֹיסֶער זִיךְ וְכוּ'?!

נַאר וָואס דֶען, הָמָן דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶר וֶוערְט רַייךְ פוּן עֲבֵירוֹת וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר ווִיל נָאר אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אָבֶּער וֶוען עֶר זֶעט ווִי דֶער אִיד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, נָאר עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן; דֶער אִיד קוּמְט וַוייטֶער אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב אוּן כַאפְּט אַרַיין אַבִּיסְל לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַ בְּלַאט גְמָרָא; עֶר זֶעט דֶעם אִיד "יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ" עֶר קוּמְט וַוייטֶער צוּרִיק אִין שׁוּל, דַאן וֶוערְט עֶר ווִילְד אוּן שְׁרֵייט: "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שׁוֶֹה לִי!" עֶס אִיז אִים גָארְנִישְׁט וֶוערְד דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ - אִין וָואס עֶר אִיז אִים מַכְשִׁיל - נָאר וַוייל עֶר ווִיל עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן, אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַז מָרְדְּכַי, דֶער אִיד, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אוּן בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

הַמֶּ֖לֶךְ לְמָרְדֳּכָ֑י מַדּ֙וּעַ֙ אַתָּ֣ה עוֹבֵ֔ר אֵ֖ת מִצְוַ֥ת הַמֶּֽלֶךְ׃
ד וַיְהִ֕י באמרם (כְּאָמְרָ֤ם קרי) אֵלָיו֙ י֣וֹם וָי֔וֹם וְלֹ֥א שָׁמַ֖ע
אֲלֵיהֶ֑ם וַיַּגִּ֣ידוּ לְהָמָ֗ן לִרְאוֹת֙ הֲיַֽעַמְדוּ֙ דִּבְרֵ֣י מָרְדֳּכַ֔י כִּֽי־הִגִּ֥יד
לָהֶ֖ם אֲשֶׁר־ה֥וּא יְהוּדִֽי׃ ה וַיַּ֣רְא הָמָ֔ן כִּי־אֵ֣ין מָרְדֳּכַ֔י כֹּרֵ֥עַ
וּמִֽשְׁתַּחֲוֶ֖ה ל֑וֹ וַיִּמָּלֵ֥א הָמָ֖ן חֵמָֽה׃ ו וַיִּ֣בֶז בְּעֵינָ֗יו לִשְׁלֹ֤ח יָד֙
בְּמָרְדֳּכַי֙ לְבַדּ֔וֹ כִּֽי־הִגִּ֥ידוּ ל֖וֹ אֶת־עַ֣ם מָרְדֳּכָ֑י וַיְבַקֵּ֣שׁ הָמָ֗ן
לְהַשְׁמִ֧יד אֶת־כָּל־הַיְּהוּדִ֛ים אֲשֶׁ֛ר בְּכָל־מַלְכ֥וּת אֲחַשְׁוֵר֖וֹשׁ
עַ֥ם מָרְדֳּכָֽי׃ ז בַּחֹ֤דֶשׁ הָֽרִאשׁוֹן֙ הוּא־חֹ֣דֶשׁ נִיסָ֔ן בִּשְׁנַת֙ שְׁתֵּ֣ים
עֶשְׂרֵ֔ה לַמֶּ֖לֶךְ אֲחַשְׁוֵר֑וֹשׁ הִפִּ֣יל פּוּר֩ ה֨וּא הַגּוֹרָ֜ל לִפְנֵ֣י הָמָ֗ן
מִיּ֧וֹם ׀ לְי֛וֹם וּמֵחֹ֛דֶשׁ לְחֹ֥דֶשׁ שְׁנֵים־עָשָׂ֖ר הוּא־חֹ֥דֶשׁ אֲדָֽר׃
ח וַיֹּ֤אמֶר הָמָן֙ לַמֶּ֣לֶךְ אֲחַשְׁוֵר֔וֹשׁ יֶשְׁנ֣וֹ עַם־אֶחָ֗ד מְפֻזָּ֤ר וּמְפֹרָד֙

אִישׁ יְהוּדִי

### אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְּן פַאר הָמָן הָרָשָׁע

דָאס דַארְפְן מִיר מִיטְנֶעמֶען פוּנֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים; מִיר דַארְפְן שְׁרֵייעֶן (אֶסְתֵּר ג, ב): "וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה"; אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְּן פַאר הָמָן הָרָשָׁע אוּן אִיךְ גֵיי נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן! אִיךְ גֵיי וַוייטֶער קוּמֶען אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, אֲפִילוּ אִיךְ זֶע אוֹיס וְוִי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס. אִיךְ גֶעבּ זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער פַארְ'ן יֵצֶר הָרָע, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין; מֶענְטְשְׁן לָאזְן אָפּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרֵיין אִין זֵיי אַ שׁוּלְד גֶעפִיל, עֶר מַאכְט זֵיי שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָבַר.

### דִי קְלִיפָּה פוּן 'הָמָן' אוּן 'עֲמָלֵק' אִיז מַאכְן מַחֲלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, יא): "לְךָ ה' הַמַּמְלָכָה" - זוֹ מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק; אִיז מוֹהֲרָא"שׁ מַסְבִּיר, אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען

בֵּין הָעַמִּים בְּכֹל מְדִינוֹת מַלְכוּתֶךָ וְדָתֵיהֶם שֹׁנוֹת מִכָּל־עָם
וְאֶת־דָּתֵי הַמֶּלֶךְ אֵינָם עֹשִׂים וְלַמֶּלֶךְ אֵין־שֹׁוֶה לְהַנִּיחָם׃
ט אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב יִכָּתֵב לְאַבְּדָם וַעֲשֶׂרֶת אֲלָפִים כִּכַּר־
כֶּסֶף אֶשְׁקוֹל עַל־יְדֵי עֹשֵׂי הַמְּלָאכָה לְהָבִיא אֶל־גִּנְזֵי
הַמֶּלֶךְ׃ י וַיָּסַר הַמֶּלֶךְ אֶת־טַבַּעְתּוֹ מֵעַל יָדוֹ וַיִּתְּנָהּ לְהָמָן
בֶּן־הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי צֹרֵר הַיְּהוּדִים׃ יא וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְהָמָן
הַכֶּסֶף נָתוּן לָךְ וְהָעָם לַעֲשׂוֹת בּוֹ כַּטּוֹב בְּעֵינֶיךָ׃ יב וַיִּקָּרְאוּ
סֹפְרֵי הַמֶּלֶךְ בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר יוֹם בּוֹ וַיִּכָּתֵב
כְּכָל־אֲשֶׁר־צִוָּה הָמָן אֶל אֲחַשְׁדַּרְפְּנֵי־הַמֶּלֶךְ וְאֶל־הַפַּחוֹת
אֲשֶׁר ׀ עַל־מְדִינָה וּמְדִינָה וְאֶל־שָׂרֵי עַם וָעָם מְדִינָה
וּמְדִינָה כִּכְתָבָהּ וְעַם וָעָם כִּלְשׁוֹנוֹ בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ

## אִישׁ יְהוּדִי

דֶערְצֵיילְט פַאר אַלֶעמֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט און עֶר אִיז קֶענִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיט דֶעם אַלֵיינְס מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק וָואס וויל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע מַחֲלֹקֶת׳עֶר און נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט; דוּ גֵיי אוֹיף דַיין וֶועג און לָאז אַ צְוֵוייטְן גֵיין אוֹיף זַיין וֶועג, דַיינֶע דִיבּוּרִים מִיט אַ צְוֵוייטְן זָאלְן נָאר זַיין דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת, זוּךְ נִישְׁט וואוּ דוּ קֶענְסְט יֶענֶעם אוּנְטֶערְרַייסְן וְכוּ׳. מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אוֹיסְמֶעקְן דִי קְלִיפָּה פוּן ׳הָמָן׳ און ׳עֲמָלֵק׳ וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר (אֶסְתֵּר ג, ח): ״יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד״, - מַאכְן מַחֲלֹקֶת און קְרִיגֶערֵייעֶן צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָבֶּער אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה און מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, זֵייעֶר זַאךְ אִיז (אֶסְתֵּר ד, טז): ״לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים״, גֵיי נֶעם צוּזַאם אַלֶע אִידְן, דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זָאלְסְט אָפְּלָאזְן אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס דוּ הָאסְט מִיט אַנְדֶערֶע און זָאלְסְט נָאר מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן.

נִכְתָּב וְנֶחְתָּם בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ: יג וְנִשְׁלוֹחַ סְפָרִים בְּיַד
הָרָצִים אֶל־כָּל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד
אֶת־כָּל־הַיְּהוּדִים מִנַּעַר וְעַד־זָקֵן טַף וְנָשִׁים בְּיוֹם אֶחָד
בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ שְׁנֵים־עָשָׂר הוּא־חֹדֶשׁ אֲדָר וּשְׁלָלָם
לָבוֹז: יד פַּתְשֶׁגֶן הַכְּתָב לְהִנָּתֵן דָּת בְּכָל־מְדִינָה וּמְדִינָה
גָּלוּי לְכָל־הָעַמִּים לִהְיוֹת עֲתִדִים לַיּוֹם הַזֶּה: טו הָרָצִים
יָצְאוּ דְחוּפִים בִּדְבַר הַמֶּלֶךְ וְהַדָּת נִתְּנָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה
וְהַמֶּלֶךְ וְהָמָן יָשְׁבוּ לִשְׁתּוֹת וְהָעִיר שׁוּשָׁן נָבוֹכָה:

ד א וּמָרְדֳּכַי יָדַע אֶת־כָּל־אֲשֶׁר נַעֲשָׂה וַיִּקְרַע מָרְדֳּכַי אֶת־
בְּגָדָיו וַיִּלְבַּשׁ שַׂק וָאֵפֶר וַיֵּצֵא בְּתוֹךְ הָעִיר וַיִּזְעַק זְעָקָה
גְדוֹלָה וּמָרָה: ב וַיָּבוֹא עַד לִפְנֵי שַׁעַר־הַמֶּלֶךְ כִּי אֵין לָבוֹא
אֶל־שַׁעַר הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ שָׂק: ג וּבְכָל־מְדִינָה וּמְדִינָה מְקוֹם
אֲשֶׁר דְּבַר־הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ מַגִּיעַ אֵבֶל גָּדוֹל לַיְּהוּדִים וְצוֹם
וּבְכִי וּמִסְפֵּד שַׂק וָאֵפֶר יֻצַּע לָרַבִּים: ד ותבואינה (וַתָּבוֹאנָה
קרי) נַעֲרוֹת אֶסְתֵּר וְסָרִיסֶיהָ וַיַּגִּידוּ לָהּ וַתִּתְחַלְחַל הַמַּלְכָּה
מְאֹד וַתִּשְׁלַח בְּגָדִים לְהַלְבִּישׁ אֶת־מָרְדֳּכַי וּלְהָסִיר שַׂקּוֹ
מֵעָלָיו וְלֹא קִבֵּל: ה וַתִּקְרָא אֶסְתֵּר לַהֲתָךְ מִסָּרִיסֵי הַמֶּלֶךְ
אֲשֶׁר הֶעֱמִיד לְפָנֶיהָ וַתְּצַוֵּהוּ עַל־מָרְדֳּכָי לָדַעַת מַה־זֶּה
וְעַל־מַה־זֶּה: ו וַיֵּצֵא הֲתָךְ אֶל־מָרְדֳּכָי אֶל־רְחוֹב הָעִיר אֲשֶׁר
לִפְנֵי שַׁעַר־הַמֶּלֶךְ: ז וַיַּגֶּד־לוֹ מָרְדֳּכַי אֵת כָּל־אֲשֶׁר קָרָהוּ
וְאֵת ׀ פָּרָשַׁת הַכֶּסֶף אֲשֶׁר אָמַר הָמָן לִשְׁקוֹל עַל־גִּנְזֵי
הַמֶּלֶךְ ביהודיים (בַּיְּהוּדִים קרי) לְאַבְּדָם: ח וְאֶת־פַּתְשֶׁגֶן
כְּתָב־הַדָּת אֲשֶׁר־נִתַּן בְּשׁוּשָׁן לְהַשְׁמִידָם נָתַן לוֹ לְהַרְאוֹת
אֶת־אֶסְתֵּר וּלְהַגִּיד לָהּ וּלְצַוּוֹת עָלֶיהָ לָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ

לְהִֽתְחַנֶּן־ל֛וֹ וּלְבַקֵּ֥שׁ מִלְּפָנָ֖יו עַל־עַמָּֽהּ׃ ט וַיָּב֖וֹא הֲתָ֑ךְ וַיַּגֵּ֣ד
לְאֶסְתֵּ֔ר אֵ֖ת דִּבְרֵ֥י מָרְדֳּכָֽי׃ י וַתֹּ֤אמֶר אֶסְתֵּר֙ לַהֲתָ֔ךְ וַתְּצַוֵּ֖הוּ
אֶל־מָרְדֳּכָֽי׃ יא כָּל־עַבְדֵ֨י הַמֶּ֜לֶךְ וְעַם־מְדִינ֣וֹת הַמֶּ֗לֶךְ יֹֽדְעִים֙
אֲשֶׁ֣ר כָּל־אִ֣ישׁ וְאִשָּׁ֡ה אֲשֶׁ֣ר יָבֽוֹא־אֶל־הַמֶּלֶךְ֩ אֶל־הֶחָצֵ֨ר
הַפְּנִימִ֜ית אֲשֶׁ֣ר לֹֽא־יִקָּרֵ֗א אַחַ֤ת דָּתוֹ֙ לְהָמִ֔ית לְ֠בַד מֵאֲשֶׁ֨ר
יֽוֹשִׁיט־ל֥וֹ הַמֶּ֛לֶךְ אֶת־שַׁרְבִ֥יט הַזָּהָ֖ב וְחָיָ֑ה וַאֲנִ֗י לֹ֤א נִקְרֵ֙אתִי֙
לָב֣וֹא אֶל־הַמֶּ֔לֶךְ זֶ֖ה שְׁלוֹשִׁ֥ים יֽוֹם׃ יב וַיַּגִּ֣ידוּ לְמָרְדֳּכָ֔י אֵ֖ת
דִּבְרֵ֥י אֶסְתֵּֽר׃ יג וַיֹּ֥אמֶר מָרְדֳּכַ֖י לְהָשִׁ֣יב אֶל־אֶסְתֵּ֑ר אַל־תְּדַמִּ֣י
בְנַפְשֵׁ֔ךְ לְהִמָּלֵ֥ט בֵּית־הַמֶּ֖לֶךְ מִכָּל־הַיְּהוּדִֽים׃ יד כִּ֣י אִם־
הַחֲרֵ֣שׁ תַּחֲרִישִׁי֮ בָּעֵ֣ת הַזֹּאת֒ רֶ֣וַח וְהַצָּלָ֞ה יַעֲמ֤וֹד לַיְּהוּדִים֙
מִמָּק֣וֹם אַחֵ֔ר וְאַ֥תְּ וּבֵית־אָבִ֖יךְ תֹּאבֵ֑דוּ וּמִ֣י יוֹדֵ֔עַ אִם־לְעֵ֣ת
כָּזֹ֔את הִגַּ֖עַתְּ לַמַּלְכֽוּת׃ טו וַתֹּ֥אמֶר אֶסְתֵּ֖ר לְהָשִׁ֥יב אֶֽל־
מָרְדֳּכָֽי׃ טז לֵךְ֩ כְּנ֨וֹס אֶת־כָּל־הַיְּהוּדִ֜ים הַנִּמְצְאִ֣ים בְּשׁוּשָׁ֗ן
וְצ֣וּמוּ עָ֠לַי וְאַל־תֹּאכְל֨וּ וְאַל־תִּשְׁתּ֜וּ שְׁלֹ֣שֶׁת יָמִים֙ לַ֣יְלָה

אִישׁ יְהוּדִי

### אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה און מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, זֵייעֶר זַאךְ איז לֶעבְּן בְּאַחְדוּת און זַיין בְּשָׁלוֹם

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, יא): "לְךָ ה' הַמַּמְלָכָה" - זוּ מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק; אִיז מוֹהֲרָא"שׁ מַסְבִּיר, אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר אַלֶעמֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט און עֶר אִיז קֶענִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיט דֶעם אַלֵיינְס מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק וָואס וִויל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע מַחֲלֹקֶת'ֶער און נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט; דוּ גֵיי אוֹיף דַיין וֶועג און לָאז אַ

וְי֗וֹם גַּם־אֲנִי וְנַעֲרֹתַי אָצוּם כֵּן וּבְכֵן אָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר
לֹא־כַדָּת וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי: יז וַיַּעֲבֹר מָרְדֳּכָי וַיַּעַשׂ
כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוְּתָה עָלָיו אֶסְתֵּר:

ה א וַיְהִי | בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַתִּלְבַּשׁ אֶסְתֵּר מַלְכוּת וַתַּעֲמֹד
בַּחֲצַר בֵּית־הַמֶּלֶךְ הַפְּנִימִית נֹכַח בֵּית הַמֶּלֶךְ וְהַמֶּלֶךְ
יוֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ בְּבֵית הַמַּלְכוּת נֹכַח פֶּתַח הַבָּיִת:
ב וַיְהִי כִרְאוֹת הַמֶּלֶךְ אֶת־אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה עֹמֶדֶת בֶּחָצֵר
נָשְׂאָה חֵן בְּעֵינָיו וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר אֶת־שַׁרְבִיט הַזָּהָב
אֲשֶׁר בְּיָדוֹ וַתִּקְרַב אֶסְתֵּר וַתִּגַּע בְּרֹאשׁ הַשַּׁרְבִיט: ג וַיֹּאמֶר
לָהּ הַמֶּלֶךְ מַה־לָּךְ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וּמַה־בַּקָּשָׁתֵךְ עַד־חֲצִי
הַמַּלְכוּת וְיִנָּתֵן לָךְ: ד וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב
יָבוֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן הַיּוֹם אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי לוֹ:
ה וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ מַהֲרוּ אֶת־הָמָן לַעֲשׂוֹת אֶת־דְּבַר אֶסְתֵּר
וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר־עָשְׂתָה אֶסְתֵּר:
ו וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר בְּמִשְׁתֵּה הַיַּיִן מַה־שְּׁאֵלָתֵךְ וְיִנָּתֵן

אִישׁ יְהוּדִי

צְוֵוייטְן גֵיין אוֹיף זַיין וֶועג, דַיינֶע דִיבּוּרִים מִיט אַ צְוֵוייטְן זָאלְן בָּאר זַיין דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת, זוּךְ נִישְׁט וואו דוּ קֶענְסְט יֶענֶעם אוּנְטֶערְרַייסְן וְכוּ׳. מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אוֹיסְמֶעקְן דִי קְלִיפָּה פוּן 'הָמָן' אוּן 'עֲמָלֵק' וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז בָּאר (אֶסְתֵּר ג, ח): "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד", - מַאכְן מַחֲלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָבֶּער אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, זֵייעֶר זַאךְ אִיז (אֶסְתֵּר ד, טז): "לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים", גֵיי נֶעם צוּזַאם אַלֶע אִידְן, דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זָאלְסְט אָפְּלָאזְן אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס דוּ הָאסְט מִיט אַנְדֶערֶע אוּן זָאלְסְט נָאר מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן.

**לָ֑ךְ וּמַה־בַּקָּשָׁתֵ֛ךְ עַד־חֲצִ֥י הַמַּלְכ֖וּת וְתֵעָֽשׂ: ז וַתַּ֥עַן אֶסְתֵּ֖ר**
**וַתֹּאמַ֑ר שְׁאֵלָתִ֖י וּבַקָּשָׁתִֽי: ח אִם־מָצָ֨אתִי חֵ֜ן בְּעֵינֵ֣י הַמֶּ֗לֶךְ**
**וְאִם־עַל־הַמֶּ֙לֶךְ֙ ט֔וֹב לָתֵת֙ אֶת־שְׁאֵ֣לָתִ֔י וְלַעֲשׂ֖וֹת אֶת־בַּקָּשָׁתִ֑י**
**יָב֧וֹא הַמֶּ֣לֶךְ וְהָמָ֗ן אֶל־הַמִּשְׁתֶּה֙ אֲשֶׁ֣ר אֶעֱשֶׂ֣ה לָהֶ֔ם וּמָחָ֥ר**
**אֶעֱשֶׂ֖ה כִּדְבַ֥ר הַמֶּֽלֶךְ: ט וַיֵּצֵ֤א הָמָן֙ בַּיּ֣וֹם הַה֔וּא שָׂמֵ֖חַ וְט֣וֹב**
**לֵ֑ב וְכִרְא֨וֹת הָמָ֜ן אֶֽת־מָרְדֳּכַևי בְּשַׁ֣עַר הַמֶּ֗לֶךְ וְלֹא־קָם֙**

אִישׁ יְהוּדִי

### מֶען דארף מִתְפַּלֵל זַיין מֶען זָאל
### זוֹכֶה זַיין צוּ בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זִיכֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, שֶׁ'מְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִילָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעווּיסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶונְט אוּן עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעדַאוֶונְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶר וָואלְט מְכַוֵּון גֶעוֶוען יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס.

**אוֹיף** דֶעם אַלֵיינְס דַארְף מֶען אוֹיךְ מִתְפַּלֵּל זַיין, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זֶעט וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים כז, ד): "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ, שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בֶּעט דִיר אֵיין זַאךְ, אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן נָאר גֵיין צוּ דִיר, זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּ דִיר, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אִין דִיר; אַזוֹי דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (אֶסְתֵּר ה, ז): "שְׁאֵלָתִי - וּבַקָּשָׁתִי", אִיךְ בֶּעט דִיר אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בֶּעטְן אוּן דַאוֶונֶען.

וְלֹא־זָע מִמֶּנּוּ וַיִּמָּלֵא הָמָן עַל־מָרְדֳּכַי חֵמָה: י וַיִּתְאַפַּק
הָמָן וַיָּבוֹא אֶל־בֵּיתוֹ וַיִּשְׁלַח וַיָּבֵא אֶת־אֹהֲבָיו וְאֶת־זֶרֶשׁ
אִשְׁתּוֹ: יא וַיְסַפֵּר לָהֶם הָמָן אֶת־כְּבוֹד עָשְׁרוֹ וְרֹב בָּנָיו
וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר גִּדְּלוֹ הַמֶּלֶךְ וְאֵת אֲשֶׁר נִשְּׂאוֹ עַל־הַשָּׂרִים
וְעַבְדֵי הַמֶּלֶךְ: יב וַיֹּאמֶר הָמָן אַף לֹא־הֵבִיאָה אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה
עִם־הַמֶּלֶךְ אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר־עָשָׂתָה כִּי אִם־אוֹתִי וְגַם־
לְמָחָר אֲנִי קְרוּא־לָהּ עִם־הַמֶּלֶךְ: יג וְכָל־זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי



## דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד אִיז וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, הָמָן הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט; גֶעלְט, הַייזֶער אוּן קִינְדֶער, אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט אִים זֵייעֶר גְרוֹיס גֶעמַאכְט, אִיז עֶר דָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ אוּן גְרוֹיס, אוֹיב אַזוֹי פַארְוָואס אִיז אִים אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז מָרְדְּכַי בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט (אֶסְתֵּר ה, יג): ״וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי״, עֶס אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד מַיין גַאנְצֶע רַייכְטוּם, וֶוען אִיךְ זֶע אַז מָרְדְּכַי בִּיקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר מִיר; וָואס הָאט אִים אַזוֹי גֶעאַרְט?!

הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז דִי גַאנְצֶע רַייכְטוּם פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק אִיז דָאךְ פוּן עֲבֵירוֹת פוּן אִידְן, וָואס זֵיי וַוארְפְן אַרָאפּ דֶעם אִיד רַחֲמָנָא לִצְלָן; אוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִיז דָאךְ אוֹיךְ פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס זֵיי וַוארְפְן אַרָאפּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין דִי עֲבֵירָה, אָבֶער וֶוען עֶר זֶעט וִוי דֶער אִיד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, נָאר עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן; עֶר קוּמְט וַוייטֶער אִין שׁוּל אוּן דַאוְונְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב, אוּן עֶר כַאפְּט אַרַיין אַבִּיסְל לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַ בְּלַאט גְמָרָא, שְׁרֵייט עֶר: ״וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי״, עֶס אִיז אִים גָארְנִישְׁט וֶוערְד דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ נָאר וַוייל עֶר ווִיל עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן, נוּ, אַז עֶר זֶעט אַז מָרְדְּכַי גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אוּן בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

בְּכָל־עֵת אֲשֶׁר אֲנִי רֹאֶה אֶת־מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר
הַמֶּלֶךְ׃ יד וַתֹּאמֶר לוֹ זֶרֶשׁ אִשְׁתּוֹ וְכָל־אֹהֲבָיו יַעֲשׂוּ־עֵץ
גָּבֹהַּ חֲמִשִּׁים אַמָּה וּבַבֹּקֶר ׀ אֱמֹר לַמֶּלֶךְ וְיִתְלוּ אֶת־מָרְדֳּכַי
עָלָיו וּבֹא־עִם־הַמֶּלֶךְ אֶל־הַמִּשְׁתֶּה שָׂמֵחַ וַיִּיטַב הַדָּבָר לִפְנֵי
הָמָן וַיַּעַשׂ הָעֵץ׃

ו א בַּלַּיְלָה הַהוּא נָדְדָה שְׁנַת הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר לְהָבִיא אֶת־סֵפֶר
הַזִּכְרֹנוֹת דִּבְרֵי הַיָּמִים וַיִּהְיוּ נִקְרָאִים לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ ב וַיִּמָּצֵא
כָתוּב אֲשֶׁר הִגִּיד מָרְדֳּכַי עַל־בִּגְתָנָא וָתֶרֶשׁ שְׁנֵי סָרִיסֵי
הַמֶּלֶךְ מִשֹּׁמְרֵי הַסַּף אֲשֶׁר בִּקְשׁוּ לִשְׁלֹחַ יָד בַּמֶּלֶךְ
אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ׃ ג וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ מַה־נַּעֲשָׂה יְקָר וּגְדוּלָּה לְמָרְדֳּכַי
עַל־זֶה וַיֹּאמְרוּ נַעֲרֵי הַמֶּלֶךְ מְשָׁרְתָיו לֹא־נַעֲשָׂה עִמּוֹ דָּבָר׃

**אִישׁ יְהוּדִי**

**דָאס** דַארְפְסְטוּ מִיט נֶעמֶען פוּן פּוּרִים, אוּן זָאגְן: "אִיךְ וֶועל נָאכְמַאכְן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק! אִיךְ גֶעבּ זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער פַאר'ן יֵצֶר הָרָע, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין"; רוֹב מֶענְטְשְׁן לָאזְן אָפּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה נָאר צוּלִיבּ דֶער סִיבָּה, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ שׁוּלְד גֶעפִיל, אוּן מַאכְט זֵיי טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר מִישְׁט זֵיי אוֹיף כְּסֵדֶר סְפָרִים וָואס שְׁרַייבְּן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס, קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, וְכַדוֹמֶה.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, טֵייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר: אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ! בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן; קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ, אוּן עֶפְן אוֹיף אַ גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט; פָּאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס נָאר עֶר קֶען אוּנְז הֶעלְפְן אוּן נָאר עֶר פַארְשְׁטֵייט אוּנְז.

ד וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ מִי בֶחָצֵר וְהָמָן בָּא לַחֲצַר בֵּית־הַמֶּלֶךְ
הַחִיצוֹנָה לֵאמֹר לַמֶּלֶךְ לִתְלוֹת אֶת־מָרְדֳּכַי עַל־הָעֵץ אֲשֶׁר־
הֵכִין לוֹ: ה וַיֹּאמְרוּ נַעֲרֵי הַמֶּלֶךְ אֵלָיו הִנֵּה הָמָן עֹמֵד
בֶּחָצֵר וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ יָבוֹא: ו וַיָּבוֹא הָמָן וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ
מַה־לַּעֲשׂוֹת בָּאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ וַיֹּאמֶר הָמָן
בְּלִבּוֹ לְמִי יַחְפֹּץ הַמֶּלֶךְ לַעֲשׂוֹת יְקָר יוֹתֵר מִמֶּנִּי: ז וַיֹּאמֶר
הָמָן אֶל־הַמֶּלֶךְ אִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ: ח יָבִיאוּ
לְבוּשׁ מַלְכוּת אֲשֶׁר לָבַשׁ־בּוֹ הַמֶּלֶךְ וְסוּס אֲשֶׁר רָכַב עָלָיו
הַמֶּלֶךְ וַאֲשֶׁר נִתַּן כֶּתֶר מַלְכוּת בְּרֹאשׁוֹ: ט וְנָתוֹן הַלְּבוּשׁ
וְהַסּוּס עַל־יַד־אִישׁ מִשָּׂרֵי הַמֶּלֶךְ הַפַּרְתְּמִים וְהִלְבִּישׁוּ אֶת־
הָאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ וְהִרְכִּיבֻהוּ עַל־הַסּוּס
בִּרְחוֹב הָעִיר וְקָרְאוּ לְפָנָיו כָּכָה יֵעָשֶׂה לָאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ
חָפֵץ בִּיקָרוֹ: י וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְהָמָן מַהֵר קַח אֶת־הַלְּבוּשׁ
וְאֶת־הַסּוּס כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ וַעֲשֵׂה־כֵן לְמָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי הַיּוֹשֵׁב
בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ אַל־תַּפֵּל דָּבָר מִכֹּל אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ: יא וַיִּקַּח
הָמָן אֶת־הַלְּבוּשׁ וְאֶת־הַסּוּס וַיַּלְבֵּשׁ אֶת־מָרְדֳּכָי וַיַּרְכִּיבֵהוּ
בִּרְחוֹב הָעִיר וַיִּקְרָא לְפָנָיו כָּכָה יֵעָשֶׂה לָאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ
חָפֵץ בִּיקָרוֹ: יב וַיָּשָׁב מָרְדֳּכַי אֶל־שַׁעַר הַמֶּלֶךְ וְהָמָן נִדְחַף
אֶל־בֵּיתוֹ אָבֵל וַחֲפוּי רֹאשׁ: יג וַיְסַפֵּר הָמָן לְזֶרֶשׁ אִשְׁתּוֹ
וּלְכָל־אֹהֲבָיו אֵת כָּל־אֲשֶׁר קָרָהוּ וַיֹּאמְרוּ לוֹ חֲכָמָיו וְזֶרֶשׁ
אִשְׁתּוֹ אִם מִזֶּרַע הַיְּהוּדִים מָרְדֳּכַי אֲשֶׁר הַחִלּוֹתָ לִנְפֹּל
לְפָנָיו לֹא־תוּכַל לוֹ כִּי־נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו: יד עוֹדָם מְדַבְּרִים
עִמּוֹ וְסָרִיסֵי הַמֶּלֶךְ הִגִּיעוּ וַיַּבְהִלוּ לְהָבִיא אֶת־הָמָן אֶל־
הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר־עָשְׂתָה אֶסְתֵּר:

ז א וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן לִשְׁתּוֹת עִם־אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה: ב וַיֹּאמֶר
הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר גַּם בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי בְּמִשְׁתֵּה הַיַּיִן מַה־שְּׁאֵלָתֵךְ
אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וְתִנָּתֵן לָךְ וּמַה־בַּקָּשָׁתֵךְ עַד־חֲצִי הַמַּלְכוּת
וְתֵעָשׂ: ג וַתַּעַן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וַתֹּאמַר אִם־מָצָאתִי חֵן
בְּעֵינֶיךָ הַמֶּלֶךְ וְאִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב תִּנָּתֶן־לִי נַפְשִׁי בִּשְׁאֵלָתִי
וְעַמִּי בְּבַקָּשָׁתִי: ד כִּי נִמְכַּרְנוּ אֲנִי וְעַמִּי לְהַשְׁמִיד לַהֲרוֹג
וּלְאַבֵּד וְאִלּוּ לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת נִמְכַּרְנוּ הֶחֱרַשְׁתִּי כִּי אֵין
הַצָּר שֹׁוֶה בְּנֵזֶק הַמֶּלֶךְ: ה וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וַיֹּאמֶר
לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִי הוּא זֶה וְאֵי־זֶה הוּא אֲשֶׁר־מְלָאוֹ
לִבּוֹ לַעֲשׂוֹת כֵּן: ו וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר אִישׁ צַר וְאוֹיֵב הָמָן
הָרָע הַזֶּה וְהָמָן נִבְעַת מִלִּפְנֵי הַמֶּלֶךְ וְהַמַּלְכָּה: ז וְהַמֶּלֶךְ

אִישׁ יְהוּדִי

## שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מֶען זֶעט אִין דִי מְגִילָה אַז וֶוען אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט גֶעפְרֶעגְט אֶסְתֵּר: "וֶוער אִיז דֶער וָואס וִויל דִיר אוּמְבְּרֶענְגֶען?" הָאט אֶסְתֵּר גֶעזָאגְט (אֶסְתֵּר ז, ו): "אִישׁ צַר וְאוֹיֵב הָמָן הָרָע הַזֶּה", זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְגִילָה טז.) אַז אֶסְתֵּר הָאט גֶעוִויזְן אוֹיף אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ: 'דוּ בִּיסְט דֶער רָשָׁע וָואס וִויל אוּמְבְּרֶענְגֶען דִי אִידְן!' אִיז גֶעקוּמֶען אַ מַלְאָךְ אוּן אַוֶועק גֶעדְרֵייְדְט אִיר הַאנְט צוּ הָמָן אוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִי זָאגְט עֶס אוֹיף הָמָן; אַלֶע מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן, לִכְאוֹרָה אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אֶסְתֵּר הָאט דָא גֶעטוּן, זִי הַאלְט דָאךְ יֶעצְט אִינְמִיטְן רֶעדְן צוּ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אַלֵיינְס?! נָאר אֶסְתֵּר הָאט זִיךְ אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ וֶוען זִי הָאט גֶערֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן - הָאט זִי גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּשְׁעַת אִיר הִתְבּוֹדְדוּת וֶוען זִי הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רָשָׁע אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וִויל אוּנְז הַרְגְ'נֶען אוּן זִי הָאט זִיךְ פַארְגֶעסְן אַז זִי רֶעדְט צוּ אִים, בִּיז דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעדַארְפְט אַוֶועק דְרֵייעֶן אִיר הַאנְט.

קָם בַּחֲמָתוֹ מִמִּשְׁתֵּה הַיַּיִן אֶל־גִּנַּת הַבִּיתָן וְהָמָן עָמַד
לְבַקֵּשׁ עַל־נַפְשׁוֹ מֵאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה כִּי רָאָה כִּי־כָלְתָה
אֵלָיו הָרָעָה מֵאֵת הַמֶּלֶךְ׃ ח וְהַמֶּלֶךְ שָׁב מִגִּנַּת הַבִּיתָן
אֶל־בֵּית ׀ מִשְׁתֵּה הַיַּיִן וְהָמָן נֹפֵל עַל־הַמִּטָּה אֲשֶׁר אֶסְתֵּר
עָלֶיהָ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ הֲגַם לִכְבּוֹשׁ אֶת־הַמַּלְכָּה עִמִּי בַּבָּיִת
הַדָּבָר יָצָא מִפִּי הַמֶּלֶךְ וּפְנֵי הָמָן חָפוּ׃ ט וַיֹּאמֶר חַרְבוֹנָה
אֶחָד מִן־הַסָּרִיסִים לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ גַּם הִנֵּה־הָעֵץ אֲשֶׁר־עָשָׂה
הָמָן לְמָרְדֳּכַי אֲשֶׁר דִּבֶּר־טוֹב עַל־הַמֶּלֶךְ עֹמֵד בְּבֵית
הָמָן גָּבֹהַּ חֲמִשִּׁים אַמָּה וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ תְּלֻהוּ עָלָיו׃
י וַיִּתְלוּ אֶת־הָמָן עַל־הָעֵץ אֲשֶׁר־הֵכִין לְמָרְדֳּכָי וַחֲמַת
הַמֶּלֶךְ שָׁכָכָה׃

ח א בַּיּוֹם הַהוּא נָתַן הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה
אֶת־בֵּית הָמָן צֹרֵר היהודיים (הַיְּהוּדִים קרי) וּמָרְדֳּכַי
בָּא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ כִּי־הִגִּידָה אֶסְתֵּר מַה הוּא־לָהּ׃ ב וַיָּסַר
הַמֶּלֶךְ אֶת־טַבַּעְתּוֹ אֲשֶׁר הֶעֱבִיר מֵהָמָן וַיִּתְּנָהּ לְמָרְדֳּכָי
וַתָּשֶׂם אֶסְתֵּר אֶת־מָרְדֳּכַי עַל־בֵּית הָמָן׃ ג וַתּוֹסֶף אֶסְתֵּר
וַתְּדַבֵּר לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וַתִּפֹּל לִפְנֵי רַגְלָיו וַתֵּבְךְּ וַתִּתְחַנֶּן־לוֹ

אִישׁ יְהוּדִי

וֶוען אַ מֶענטְשׁ רֶעדט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן; עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר'ן אייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דְרוּקְט אִים אוּן אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים, שְׁפִּירְט מֶען שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דָאס גֶעשְׁמַאק פוּן עוֹלָם הַבָּא. דֶער מֹחַ וֶוערְט רֵיין אוּן לוֹיטֶער אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס פַּאסִירְט חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶער אַייִנְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ דִי לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה; מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

לְהַעֲבִיר֙ אֶת־רָעַת֙ הָמָ֣ן הָאֲגָגִ֔י וְאֵת֙ מַחֲשַׁבְתּ֔וֹ אֲשֶׁ֥ר חָשַׁ֖ב
עַל־הַיְּהוּדִֽים׃ ד וַיּ֤וֹשֶׁט הַמֶּ֙לֶךְ֙ לְאֶסְתֵּ֔ר אֵ֖ת שַׁרְבִ֣ט הַזָּהָ֑ב
וַתָּ֣קָם אֶסְתֵּ֔ר וַֽתַּעֲמֹ֖ד לִפְנֵ֥י הַמֶּֽלֶךְ׃ ה וַתֹּ֡אמֶר אִם־עַל־הַמֶּ֣לֶךְ
ט֡וֹב וְאִם־מָצָ֨אתִי חֵ֜ן לְפָנָ֗יו וְכָשֵׁ֤ר הַדָּבָר֙ לִפְנֵ֣י הַמֶּ֔לֶךְ
וְטוֹבָ֥ה אֲנִ֖י בְּעֵינָ֑יו יִכָּתֵ֞ב לְהָשִׁ֣יב אֶת־הַסְּפָרִ֗ים מַחֲשֶׁ֜בֶת
הָמָ֤ן בֶּֽן־הַמְּדָ֙תָא֙ הָאֲגָגִ֔י אֲשֶׁ֣ר כָּתַ֗ב לְאַבֵּד֙ אֶת־הַיְּהוּדִ֔ים
אֲשֶׁ֖ר בְּכָל־מְדִינ֥וֹת הַמֶּֽלֶךְ׃ ו כִּ֠י אֵיכָכָ֤ה אוּכַל֙ וְֽרָאִ֔יתִי
בָּרָעָ֖ה אֲשֶׁר־יִמְצָ֣א אֶת־עַמִּ֑י וְאֵֽיכָכָ֤ה אוּכַל֙ וְֽרָאִ֔יתִי בְּאָבְדַ֖ן
מוֹלַדְתִּֽי׃ ז וַיֹּ֨אמֶר הַמֶּ֤לֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ֙ לְאֶסְתֵּ֣ר הַמַּלְכָּ֔ה
וּֽלְמָרְדֳּכַ֖י הַיְּהוּדִ֑י הִנֵּ֨ה בֵית־הָמָ֜ן נָתַ֣תִּי לְאֶסְתֵּ֗ר וְאֹתוֹ֙ תָּל֣וּ
עַל־הָעֵ֔ץ עַ֛ל אֲשֶׁר־שָׁלַ֥ח יָד֖וֹ ביהודיים (בַּיְּהוּדִֽים קרי)׃
ח וְאַתֶּ֡ם כִּתְב֣וּ עַל־הַיְּהוּדִ֩ים כַּטּ֨וֹב בְּעֵינֵיכֶ֜ם בְּשֵׁ֣ם הַמֶּ֔לֶךְ
וְחִתְמ֖וּ בְּטַבַּ֣עַת הַמֶּ֑לֶךְ כִּֽי־כְתָ֞ב אֲשֶׁר־נִכְתָּ֣ב בְּשֵׁם־הַמֶּ֗לֶךְ
וְנַחְתּ֛וֹם בְּטַבַּ֥עַת הַמֶּ֖לֶךְ אֵ֥ין לְהָשִֽׁיב׃ ט וַיִּקָּרְא֣וּ סֹפְרֵֽי־הַמֶּ֣לֶךְ
בָּֽעֵת־הַהִ֡יא בַּחֹ֩דֶשׁ הַשְּׁלִישִׁ֨י הוּא־חֹ֜דֶשׁ סִיוָ֗ן בִּשְׁלוֹשָׁ֣ה
וְעֶשְׂרִים֮ בּוֹ֒ וַיִּכָּתֵ֣ב כְּֽכָל־אֲשֶׁר־צִוָּ֣ה מָרְדֳּכַ֣י אֶל־הַיְּהוּדִ֡ים
וְאֶ֣ל הָאֲחַשְׁדַּרְפְּנִֽים־וְהַפַּחוֹת֩ וְשָׂרֵ֨י הַמְּדִינ֜וֹת אֲשֶׁ֣ר ׀ מֵהֹ֣דּוּ
וְעַד־כּ֗וּשׁ שֶׁ֣בַע וְעֶשְׂרִ֤ים וּמֵאָה֙ מְדִינָ֔ה מְדִינָ֤ה וּמְדִינָה֙
כִּכְתָבָ֔הּ וְעַ֥ם וָעָ֖ם כִּלְשֹׁנ֑וֹ וְאֶ֨ל־הַיְּהוּדִ֔ים כִּכְתָבָ֖ם וְכִלְשׁוֹנָֽם׃
י וַיִּכְתֹּ֗ב בְּשֵׁם֙ הַמֶּ֣לֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹ֔שׁ וַיַּחְתֹּ֖ם בְּטַבַּ֣עַת הַמֶּ֑לֶךְ
וַיִּשְׁלַ֣ח סְפָרִ֡ים בְּיַד֩ הָרָצִ֨ים בַּסּוּסִ֜ים רֹכְבֵ֤י הָרֶ֙כֶשׁ֙
הָאֲחַשְׁתְּרָנִ֔ים בְּנֵ֖י הָֽרַמָּכִֽים׃ יא אֲשֶׁ֩ר נָתַ֨ן הַמֶּ֜לֶךְ לַיְּהוּדִ֣ים ׀
אֲשֶׁ֣ר בְּכָל־עִיר־וָעִ֗יר לְהִקָּהֵל֮ וְלַעֲמֹ֣ד עַל־נַפְשָׁם֒ לְהַשְׁמִ֨יד
וְלַהֲרֹ֜ג וּלְאַבֵּ֗ד אֶת־כָּל־חֵ֨יל עַ֥ם וּמְדִינָ֛ה הַצָּרִ֥ים אֹתָ֖ם טַ֣ף

וְנָשִׁ֖ים וּשְׁלָלָ֥ם לָבֽוֹז׃ יב בְּי֣וֹם אֶחָ֔ד בְּכָל־מְדִינ֖וֹת הַמֶּ֣לֶךְ
אֲחַשְׁוֵר֑וֹשׁ בִּשְׁלוֹשָׁ֥ה עָשָׂ֛ר לְחֹ֥דֶשׁ שְׁנֵים־עָשָׂ֖ר הוּא־חֹ֥דֶשׁ
אֲדָֽר׃ יג פַּתְשֶׁ֣גֶן הַכְּתָ֗ב לְהִנָּ֤תֵן דָּת֙ בְּכָל־מְדִינָ֣ה וּמְדִינָ֔ה
גָּל֖וּי לְכָל־הָֽעַמִּ֑ים וְלִהְי֨וֹת היהודיים (הַיְּהוּדִ֤ים קרי) עתודים
(עֲתִידִים֙ קרי) לַיּ֣וֹם הַזֶּ֔ה לְהִנָּקֵ֖ם מֵאֹיְבֵיהֶֽם׃ יד הָרָצִ֞ים רֹכְבֵ֣י
הָרֶ֗כֶשׁ הָֽאֲחַשְׁתְּרָנִ֔ים יָצְא֛וּ מְבֹהָלִ֥ים וּדְחוּפִ֖ים בִּדְבַ֣ר הַמֶּ֑לֶךְ
וְהַדָּ֥ת נִתְּנָ֖ה בְּשׁוּשַׁ֥ן הַבִּירָֽה׃ טו וּמָרְדֳּכַ֞י יָצָ֣א ׀ מִלִּפְנֵ֣י
הַמֶּ֗לֶךְ בִּלְב֤וּשׁ מַלְכוּת֙ תְּכֵ֣לֶת וָח֔וּר וַעֲטֶ֤רֶת זָהָב֙ גְּדוֹלָ֔ה
וְתַכְרִ֥יךְ בּ֖וּץ וְאַרְגָּמָ֑ן וְהָעִ֣יר שׁוּשָׁ֔ן צָהֲלָ֖ה וְשָׂמֵֽחָה׃
טז לַיְּהוּדִ֕ים הָֽיְתָ֥ה אוֹרָ֖ה וְשִׂמְחָ֑ה וְשָׂשֹׂ֖ן וִיקָֽר׃ יז וּבְכָל־מְדִינָ֨ה
וּמְדִינָ֜ה וּבְכָל־עִ֣יר וָעִ֗יר מְקוֹם֙ אֲשֶׁ֨ר דְּבַר־הַמֶּ֤לֶךְ וְדָתוֹ֙
מַגִּ֔יעַ שִׂמְחָ֤ה וְשָׂשׂוֹן֙ לַיְּהוּדִ֔ים מִשְׁתֶּ֖ה וְי֣וֹם ט֑וֹב וְרַבִּ֞ים
מֵעַמֵּ֣י הָאָ֗רֶץ מִֽתְיַהֲדִ֔ים כִּֽי־נָפַ֥ל פַּֽחַד־הַיְּהוּדִ֖ים עֲלֵיהֶֽם׃

ט א וּבִשְׁנֵים֩ עָשָׂ֨ר חֹ֜דֶשׁ הוּא־חֹ֣דֶשׁ אֲדָ֗ר בִּשְׁלוֹשָׁ֨ה עָשָׂ֥ר
יוֹם֙ בּ֔וֹ אֲשֶׁ֨ר הִגִּ֧יעַ דְּבַר־הַמֶּ֛לֶךְ וְדָת֖וֹ לְהֵעָשׂ֑וֹת בַּיּ֗וֹם
אֲשֶׁ֨ר שִׂבְּר֜וּ אֹיְבֵ֤י הַיְּהוּדִים֙ לִשְׁל֣וֹט בָּהֶ֔ם וְנַהֲפ֣וֹךְ ה֔וּא
אֲשֶׁ֨ר יִשְׁלְט֧וּ הַיְּהוּדִ֛ים הֵ֖מָּה בְּשֹׂנְאֵיהֶֽם׃ ב נִקְהֲל֨וּ הַיְּהוּדִ֜ים
בְּעָרֵיהֶ֗ם בְּכָל־מְדִינוֹת֙ הַמֶּ֣לֶךְ אֲחַשְׁוֵר֔וֹשׁ לִשְׁלֹ֣חַ יָ֔ד בִּמְבַקְשֵׁ֖י
רָֽעָתָ֑ם וְאִישׁ֙ לֹא־עָמַ֣ד לִפְנֵיהֶ֔ם כִּֽי־נָפַ֥ל פַּחְדָּ֖ם עַל־כָּל־
הָעַמִּֽים׃ ג וְכָל־שָׂרֵ֨י הַמְּדִינ֜וֹת וְהָאֲחַשְׁדַּרְפְּנִ֣ים וְהַפַּח֗וֹת וְעֹשֵׂ֤י
הַמְּלָאכָה֙ אֲשֶׁ֣ר לַמֶּ֔לֶךְ מְנַשְּׂאִ֖ים אֶת־הַיְּהוּדִ֑ים כִּֽי־נָפַ֥ל
פַּֽחַד־מָרְדֳּכַ֖י עֲלֵיהֶֽם׃ ד כִּֽי־גָד֤וֹל מָרְדֳּכַי֙ בְּבֵ֣ית הַמֶּ֔לֶךְ וְשָׁמְע֖וֹ
הוֹלֵ֣ךְ בְּכָל־הַמְּדִינ֑וֹת כִּֽי־הָאִ֥ישׁ מָרְדֳּכַ֖י הוֹלֵ֥ךְ וְגָדֽוֹל׃ ה וַיַּכּ֤וּ
הַיְּהוּדִים֙ בְּכָל־אֹ֣יְבֵיהֶ֔ם מַכַּת־חֶ֥רֶב וְהֶ֖רֶג וְאַבְדָ֑ן וַיַּעֲשׂ֥וּ

בְּשֹׂנְאֵיהֶם כִּרְצוֹנָם: ו וּבְשׁוּשַׁן הַבִּירָה הָרְגוּ הַיְּהוּדִים וְאַבֵּד
חֲמֵשׁ מֵאוֹת אִישׁ: ז וְאֵת | פַּרְשַׁנְדָּתָא וְאֵת | דַּלְפוֹן וְאֵת |
אַסְפָּתָא: ח וְאֵת | פּוֹרָתָא וְאֵת | אֲדַלְיָא וְאֵת | אֲרִידָתָא:
ט וְאֵת | פַּרְמַשְׁתָּא וְאֵת | אֲרִיסַי וְאֵת | אֲרִדַי וְאֵת |
וַיְזָתָא: י עֲשֶׂרֶת בְּנֵי הָמָן בֶּן־הַמְּדָתָא צֹרֵר הַיְּהוּדִים הָרָגוּ
וּבַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת־יָדָם: יא בַּיּוֹם הַהוּא בָּא מִסְפַּר
הַהֲרוּגִים בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ: יב וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה הָרְגוּ הַיְּהוּדִים וְאַבֵּד
חֲמֵשׁ מֵאוֹת אִישׁ וְאֵת עֲשֶׂרֶת בְּנֵי־הָמָן בִּשְׁאָר מְדִינוֹת
הַמֶּלֶךְ מֶה עָשׂוּ וּמַה־שְּׁאֵלָתֵךְ וְיִנָּתֵן לָךְ וּמַה־בַּקָּשָׁתֵךְ עוֹד
וְתֵעָשׂ: יג וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב יִנָּתֵן גַּם־מָחָר
לַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּשׁוּשָׁן לַעֲשׂוֹת כְּדָת הַיּוֹם וְאֵת עֲשֶׂרֶת
בְּנֵי־הָמָן יִתְלוּ עַל־הָעֵץ: יד וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְהֵעָשׂוֹת כֵּן
וַתִּנָּתֵן דָּת בְּשׁוּשָׁן וְאֵת עֲשֶׂרֶת בְּנֵי־הָמָן תָּלוּ: טו וַיִּקָּהֲלוּ
היהודיים (הַיְּהוּדִים קרי) אֲשֶׁר־בְּשׁוּשָׁן גַּם בְּיוֹם אַרְבָּעָה
עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וַיַּהַרְגוּ בְשׁוּשָׁן שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אִישׁ וּבַבִּזָּה
לֹא שָׁלְחוּ אֶת־יָדָם: טז וּשְׁאָר הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בִּמְדִינוֹת
הַמֶּלֶךְ נִקְהֲלוּ | וְעָמֹד עַל־נַפְשָׁם וְנוֹחַ מֵאֹיְבֵיהֶם וְהָרוֹג
בְּשֹׂנְאֵיהֶם חֲמִשָּׁה וְשִׁבְעִים אָלֶף וּבַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת־יָדָם:
יז בְּיוֹם־שְׁלוֹשָׁה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וְנוֹחַ בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר בּוֹ
וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה: יח והיהודיים (וְהַיְּהוּדִים
קרי) אֲשֶׁר־בְּשׁוּשָׁן נִקְהֲלוּ בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר בּוֹ וּבְאַרְבָּעָה
עָשָׂר בּוֹ וְנוֹחַ בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בּוֹ וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה
וְשִׂמְחָה: יט עַל־כֵּן הַיְּהוּדִים הפרוזים (הַפְּרָזִים קרי) הַיֹּשְׁבִים

בְּעָרֵי הַפְּרָזוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר
שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ׃
כ וַיִּכְתֹּב מָרְדֳּכַי אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיִּשְׁלַח סְפָרִים אֶל־
כָּל־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּכָל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הַקְּרוֹבִים
וְהָרְחוֹקִים׃ כא לְקַיֵּם עֲלֵיהֶם לִהְיוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה
עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וְאֵת יוֹם־חֲמִשָּׁה עָשָׂר בּוֹ בְּכָל־שָׁנָה
וְשָׁנָה׃ כב כַּיָּמִים אֲשֶׁר־נָחוּ בָהֶם הַיְּהוּדִים מֵאֹיְבֵיהֶם וְהַחֹדֶשׁ
אֲשֶׁר נֶהְפַּךְ לָהֶם מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב לַעֲשׂוֹת
אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ
וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים׃ כג וְקִבֵּל הַיְּהוּדִים אֵת אֲשֶׁר־הֵחֵלּוּ
לַעֲשׂוֹת וְאֵת אֲשֶׁר־כָּתַב מָרְדֳּכַי אֲלֵיהֶם׃ כד כִּי הָמָן
בֶּן־הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי צֹרֵר כָּל־הַיְּהוּדִים חָשַׁב עַל־הַיְּהוּדִים
לְאַבְּדָם וְהִפִּל פּוּר הוּא הַגּוֹרָל לְהֻמָּם וּלְאַבְּדָם׃ כה וּבְבֹאָהּ
לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ אָמַר עִם־הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה
אֲשֶׁר־חָשַׁב עַל־הַיְּהוּדִים עַל־רֹאשׁוֹ וְתָלוּ אֹתוֹ וְאֶת־בָּנָיו
עַל־הָעֵץ׃ כו עַל־כֵּן קָרְאוּ לַיָּמִים הָאֵלֶּה פוּרִים עַל־שֵׁם
הַפּוּר עַל־כֵּן עַל־כָּל־דִּבְרֵי הָאִגֶּרֶת הַזֹּאת וּמָה־רָאוּ עַל־

אִישׁ יְהוּדִי

**אַז מֶען דאַוֶוענְט אִין אַ סִידוּר הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת**

שְׁטאַרְק דִיר צוּ דאַוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן אוּן דאַוֶוען אִין אַ סִידוּר פוּן אִינֶעוֵוינִיג; צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָה (אֶסְתֵּר ט, כה): ״אָמַר עִם הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה״; אַז מֶען דאַוֶוענְט אִין אַ סִידוּר אִיז דאָס אַ סְגוּלָה מֶען זָאל מְכַוֵּון זַיין פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת אוּן אַלֶע פְרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאלְן אַוֶועק גֵיין. אַז דוּ וֶועסְט דאַוֶוענֶען מִיט מִנְיָן וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

כָּ֔כָה וּמָ֥ה הִגִּ֖יעַ אֲלֵיהֶֽם׃ כז קִיְּמ֣וּ וקבל (וְקִבְּל֣וּ קרי) הַיְּהוּדִים֮ ׀
עֲלֵיהֶ֣ם ׀ וְעַל־זַרְעָ֡ם וְעַ֨ל כָּל־הַנִּלְוִ֤ים עֲלֵיהֶם֙ וְלֹ֣א יַעֲב֔וֹר
לִהְי֣וֹת עֹשִׂ֗ים אֵ֣ת שְׁנֵ֤י הַיָּמִים֙ הָאֵ֔לֶּה כִּכְתָבָ֖ם וְכִזְמַנָּ֑ם
בְּכָל־שָׁנָ֖ה וְשָׁנָֽה׃ כח וְהַיָּמִ֣ים הָ֠אֵלֶּה נִזְכָּרִ֨ים וְנַעֲשִׂ֜ים בְּכָל־
דּ֣וֹר וָד֗וֹר מִשְׁפָּחָה֙ וּמִשְׁפָּחָ֔ה מְדִינָ֥ה וּמְדִינָ֖ה וְעִ֣יר וָעִ֑יר
וִימֵ֞י הַפּוּרִ֣ים הָאֵ֗לֶּה לֹ֤א יַעַבְרוּ֙ מִתּ֣וֹךְ הַיְּהוּדִ֔ים וְזִכְרָ֖ם
לֹא־יָס֥וּף מִזַּרְעָֽם׃ כט וַ֠תִּכְתֹּב אֶסְתֵּ֨ר הַמַּלְכָּ֧ה בַת־אֲבִיחַ֛יִל
וּמָרְדֳּכַ֥י הַיְּהוּדִ֖י אֶת־כָּל־תֹּ֑קֶף לְקַיֵּ֗ם אֵ֣ת אִגֶּ֧רֶת הַפּוּרִ֛ים
הַזֹּ֖את הַשֵּׁנִֽית׃ ל וַיִּשְׁלַ֨ח סְפָרִ֜ים אֶל־כָּל־הַיְּהוּדִ֗ים אֶל־שֶׁ֨בַע
וְעֶשְׂרִ֤ים וּמֵאָה֙ מְדִינָ֔ה מַלְכ֖וּת אֲחַשְׁוֵר֑וֹשׁ דִּבְרֵ֥י שָׁל֖וֹם
וֶאֱמֶֽת׃ לא לְקַיֵּ֡ם אֶת־יְמֵי֩ הַפֻּרִ֨ים הָאֵ֜לֶּה בִּזְמַנֵּיהֶ֗ם כַּאֲשֶׁר֩
קִיַּ֨ם עֲלֵיהֶ֜ם מָרְדֳּכַ֤י הַיְּהוּדִי֙ וְאֶסְתֵּ֣ר הַמַּלְכָּ֔ה וְכַאֲשֶׁ֛ר קִיְּמ֥וּ
עַל־נַפְשָׁ֖ם וְעַל־זַרְעָ֑ם דִּבְרֵ֥י הַצּוֹמ֖וֹת וְזַעֲקָתָֽם׃ לב וּמַאֲמַ֣ר
אֶסְתֵּ֔ר קִיַּ֕ם דִּבְרֵ֥י הַפֻּרִ֖ים הָאֵ֑לֶּה וְנִכְתָּ֖ב בַּסֵּֽפֶר׃

י א וַיָּשֶׂם֩ הַמֶּ֨לֶךְ אחשרש (אֲחַשְׁוֵ֥רֹשׁ קרי) ׀ מַ֛ס עַל־הָאָ֖רֶץ
וְאִיֵּ֥י הַיָּֽם׃ ב וְכָל־מַעֲשֵׂ֤ה תָקְפּוֹ֙ וּגְב֣וּרָת֔וֹ וּפָרָשַׁת֙ גְּדֻלַּ֣ת
מָרְדֳּכַ֔י אֲשֶׁ֥ר גִּדְּל֖וֹ הַמֶּ֑לֶךְ הֲלוֹא־הֵ֣ם כְּתוּבִ֗ים עַל־סֵ֙פֶר֙
דִּבְרֵ֣י הַיָּמִ֔ים לְמַלְכֵ֖י מָדַ֥י וּפָרָֽס׃ ג כִּ֣י ׀ מָרְדֳּכַ֣י הַיְּהוּדִ֗י
מִשְׁנֶה֙ לַמֶּ֣לֶךְ אֲחַשְׁוֵר֔וֹשׁ וְגָדוֹל֙ לַיְּהוּדִ֔ים וְרָצ֖וּי לְרֹ֣ב אֶחָ֑יו
דֹּרֵ֥שׁ טוֹב֙ לְעַמּ֔וֹ וְדֹבֵ֥ר שָׁל֖וֹם לְכָל־זַרְעֽוֹ׃

## ברכה אחר קריאת המגילה

בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. הָרָב אֶת רִיבֵנוּ. וְהַדָּן אֶת דִּינֵנוּ. וְהַנּוֹקֵם אֶת נִקְמָתֵנוּ. וְהַמְשַׁלֵּם גְּמוּל לְכָל אוֹיְבֵי נַפְשֵׁנוּ. וְהַנִּפְרָע לָנוּ מִצָּרֵינוּ. בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה. הַנִּפְרָע לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל מִכָּל צָרֵיהֶם. הָאֵל הַמּוֹשִׁיעַ:

בשחרית מתחילין שושנת יעקב.

אֲשֶׁר הֵנִיא עֲצַת גּוֹיִם וַיָּפֶר מַחְשְׁבוֹת עֲרוּמִים: בְּקוּם עָלֵינוּ אָדָם רָשָׁע. נֵצֶר זָדוֹן מִזֶּרַע עֲמָלֵק: גָּאָה בְעָשְׁרוֹ וְכָרָה לוֹ בּוֹר. וּגְדֻלָּתוֹ יָקְשָׁה לוֹ לָכֶד: דִּמָּה בְנַפְשׁוֹ לִלְכֹּד וְנִלְכַּד. בִּקֵּשׁ לְהַשְׁמִיד וְנִשְׁמַד מְהֵרָה: הָמָן הוֹדִיעַ אֵיבַת אֲבוֹתָיו וְעוֹרֵר שִׂנְאַת אַחִים לַבָּנִים: וְלֹא זָכַר רַחֲמֵי שָׁאוּל. כִּי בְחֶמְלָתוֹ עַל אֲגָג נוֹלַד אוֹיֵב: זָמַם רָשָׁע לְהַכְרִית צַדִּיק. וְנִלְכַּד טָמֵא בִּידֵי טָהוֹר: חֶסֶד גָּבַר עַל שִׁגְגַת אָב. וְרָשָׁע הוֹסִיף חֵטְא עַל חֲטָאָיו: טָמַן בְּלִבּוֹ מַחְשְׁבוֹת עֲרוּמָיו. וַיִּתְמַכֵּר לַעֲשׂוֹת רָעָה: יָדוֹ שָׁלַח בִּקְדוֹשֵׁי אֵל. כַּסְפּוֹ נָתַן לְהַכְרִית זִכְרָם: כִּרְאוֹת מָרְדְּכַי כִּי יָצָא קֶצֶף וְדָתֵי הָמָן נִתְּנוּ בְשׁוּשָׁן: לָבַשׁ שַׂק וְקָשַׁר מִסְפֵּד וְגָזַר צוֹם וַיֵּשֶׁב עַל הָאֵפֶר: מִי זֶה יַעֲמֹד לְכַפֵּר שְׁגָגָה וְלִמְחֹל חַטַּאת עֲוֹן אֲבוֹתֵינוּ: נֵץ פָּרַח מִלּוּלָב. הֵן הֲדַסָּה

עָמְדָה לְעוֹרֵר יְשֵׁנִים: סָרִיסֶיהָ הִבְהִילוּ לְהָמָן לְהַשְׁקוֹתוֹ יֵין חֲמַת תַּנִּינִים: עָמַד בְּעָשְׁרוֹ וְנָפַל בְּרִשְׁעוֹ. עָשָׂה לוֹ עֵץ וְנִתְלָה עָלָיו: פִּיהֶם פָּתְחוּ כָּל יוֹשְׁבֵי תֵבֵל. כִּי פוּר הָמָן נֶהְפַּךְ לְפוּרֵנוּ: צַדִּיק נֶחֱלַץ מִיַּד רָשָׁע. אוֹיֵב נִתַּן תַּחַת נַפְשׁוֹ: קִיְּמוּ עֲלֵיהֶם לַעֲשׂוֹת פּוּרִים וְלִשְׂמֹחַ בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה: רָאִיתָ אֶת תְּפִלַּת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר. הָמָן וּבָנָיו עַל הָעֵץ תָּלִיתָ:

**שׁוֹשַׁנַּת** יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי: תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ לָנֶצַח. וְתִקְוָתָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר: לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קוֶֹיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ. וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל



**אַז מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעט מֶען אָפֶענֶע נִסִּים**

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן אַז אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן חַזֶר'ן: ״אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל. וְאֵין רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל לְזוּלָתוֹ״. עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר זֶעט נִסִּים גְּלוּיִים; דָאס זִינְגֶען מִיר פּוּרִים: ״לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קוֶֹיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ, וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ״, אוּן מֶען זִינְגְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: לְהוֹדִיעַ, לְהוֹדִיעַ, לְהוֹדִיעַ... וַוייל מֶען ווִיל אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין וָואס זִינְגְט דֶעם נִיגוּן (אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט אִין אַרַאמִישׁ: ״קַרְיָינָא דְּאִיגַּרְתָּא אִיהוּ לֶיהֱוֵי פַּרְוַונְקָא״) - זָאל דָאס אַרַיינְגֶעמֶען בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ: שֶׁכָּל קוֶֹיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ - אַלֶע וָואס הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְן אֱמוּנָה וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן אַ יְשׁוּעָה, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן, וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ - אוּן אַלֶע וָואס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

הַחוֹסִים בָּךְ: אָרוּר הָמָן אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ לְאַבְּדִי. בָּרוּךְ מָרְדְּכַי הַיְּהוּדִי. אֲרוּרָה זֶרֶשׁ אֵשֶׁת מַפְחִידִי. בְּרוּכָה אֶסְתֵּר בַּעֲדִי. אֲרוּרִים כָּל הָרְשָׁעִים. בְּרוּכִים כָּל הַצַּדִּיקִים. וְגַם חַרְבוֹנָה זָכוּר לַטּוֹב:

בליל פורים אומרים כאן ואתה קדוש וכו'. קדיש שלם בלא תתקבל. ובמוצאי שבת אומרים ויהי נועם ואתה קדוש. קדיש שלם בלא תתקבל. למנצח על אילת השחר. ק"י. ברכו. עלינו. תמצא לעיל אחר תפלת ערבית.



### אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין פְּחָדִים

**דָאס** וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט פְּחָדִים פוּן פֵייעֶר; זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי סָארְט פְּחָדִים, בִּפְרַט קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל מוֹרָא פוּן פֵייעֶר וְכַדוֹמֶה. דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אָן פְּחָדִים אוֹיף מֶענְטְשְׁן ווייל אַזוֹי וויל עֶר צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ. מִיר זִינְגֶען פּוּרִים: "אֲרוּרָה זֶרֶשׁ אֵשֶׁת מַפְחִידִי", פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין זֶרֶשׁ דִי וַוייבּ פוּן הָמָן וָואס עֶר וַוארְפְט פְּחָדִים אוֹיף מֶענְטְשְׁן; דָאס אִיז דִי טְרִיק פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּחָדִים בִּיז עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אַ דֶעפְּרֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ. אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיינְוַוארְפְן אִין פְּחָדִים, ווייל עֶר ווייסְט אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# מִכְתָּבִים

אַ זַאמְלוּנְג פוּן שֵׁייְנֶע
גֶעדַאנְקֶען אוֹיף דִי מְגִילָה,
מִיט גֶעקְלִיבֶּענֶע בְּרִיוו
פוּן סִפְרֵי אִישׁ אֱמוּנוֹת
אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

# תּוֹכֶן הָעִנְיָנִים

## עִנְיָן שַׁבָּת שְׁקָלִים


א נָאר מִיט נָאךְ אַ אִיד אִיז מֶען גַאנְץ ........ מג

ב זוּךְ זִיךְ נִישְׁט אָפְּצוּרֶעדְן, מַאךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב ........ מה


## עִנְיָן שַׁבָּת זָכוֹר וּמְחִיַּית עֲמָלֵק


ג 'יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם' .. מט

ד מֶען קֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ נא

ה אַ כָּשֵׁר'ן פּוּרִים אוּן אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח ........ נז

ו אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים ........ סא

ז ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק? ........ סד

ח בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ עב

ט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ עה


## עִנְיָן תַּעֲנִית אֶסְתֵּר


י יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוּט אוֹיף ........ עז

יא אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - וֶוערְן אַלֶע צָרוֹת אוֹיס ........ פ

יב ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶער אַיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ דִי לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה ........ פז

יג דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִילָה אִיז זֵייעֶר מְחַזֵּק צוּ בֶּעטְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף ........ צב

יג אוֹיסְנוּצְן רִיכְטִיג דֶעם טָאג פוּן תַּעֲנִית אֶסְתֵּר ........ צו

יד מֶען קֶען הַיינְט פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת ........ ק

מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל.......................................................קג

## הֲכָנָה לִימֵי הַפּוּרִים

טו אִיז דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים נָאר פַאר עֲשִׁירִים אוּן נִישְׁט פַאר אָרֶעמֶעלַייט? .. קד
טז וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים פוּן פּוּרִים? אוּן אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן הַפָּצָה............קח
יז וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פּוּרִים אוּן אוֹיסְנוּצְן דֶעם טָאג רִיכְטִיג..........קיז
יח אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד.............קיט
יט אַרוֹיסְוַוייזְן הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת פוּן דִי קִינְדֶער ..... קכג
כ' אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קֶען מֶען זַיין אֶמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ פּוּרִים .........קכח
כא נוּץ אוֹיס דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים פַאר שָׁלוֹם אוּן קֵירוּב לְבָבוֹת..............קלב

## יוֹם הַפּוּרִים

כב בֶּעט הַיינְט פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער .........................קלה
כג לוֹיף צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הֶערְן זַיינֶע עֵצוֹת ..................................קלח
כד מֶען קֶען הַיינְט פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ...קלט
כה אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְפְרִישְׁן .................. קמא
כו מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דִי פּוּרִים סְעוּדָה פַאר כִּיבּוּד אָב וָאֵם ........................ קמג

## עִנְיַן שׁוּשַׁן פּוּרִים

כז אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ דִבּוּק...................................................קמו
כח שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים ................................................ קמח
כט זֶע דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַ רַחְמָנוּת נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט ............................................................................. קנא
ל וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט.........................................קנז
לא מֶען דַארְף טְרִינְקֶען אַ גַאנְץ יָאר.............................................קנט
לב שְׁטֶעל אַהֶער אַ שֵׁיינֶע פְּלֶעי אוֹיף שׁוּשַׁן פּוּרִים...........................קס

# עִנְיַן שַׁבָּת שְׁקָלִים

## א

### נָאר מִיט נָאךְ אַ אִיד אִיז מֶען גַאנְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, שְׁקָלִים, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**דִּי** וָואךְ שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, עֶס אִיז דִי לֶעצְטֶע וָואךְ פוּן שׁוֹבָבִי"ם; מֶען קֶען דִי וָואךְ אַלֶעס מְתַקֵן זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): "אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן כָּל הַמְשַׁמֵר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ, אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ, מוֹחֲלִין לוֹ", וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם שַׁבָּת אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר טוּט דִי מִצְוֹת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיךְ** לֵיינְט מֶען דִי וָואךְ פַּרְשַׁת שְׁקָלִים; בִּזְמַן שֶׁבֵּית הַמִקְדָשׁ הָיָ' קַיָים הָאט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען אַ מַחֲצִית הַשֶׁקֶל. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט דֶער טַעַם, פַארְוָואס עֶפֶּעס דַוְקָא אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל? נָאר דָאס קוּמְט צוּ וַוייזְן אַז אַ אִיד

דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן הַאלְבּ און וויסְן אַז נָאר מִיט נָאךְ אַ אִיד אִיז עֶר גַאנְץ.

**קוֹדֶם** הֵייבְּט זִיךְ עֶס אָן אַז אַ בָּחוּר אִיז הַאלְבּ, ווִילַאנְג עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן זַיין זִיווּג אִיז עֶר אַ פְּלַג גוּף און וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט עֶר אַן 'אָדָם הַשָּׁלֵם'. נָאכְדֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, ווַייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי ווַייבּ אִיז מֶען אַ צֶעפְּלוּיגֶעטֶער מֶענְטְשׁ און מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ.

**אַמָאל** אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעצְן בַּיים טִישׁ מִיט תַּלְמִידִים, אִינְמִיטְן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וִוי ווַאגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער ווָאס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת?!" און דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוּיפְגֶעשְׁטֶעלְט און מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן זִיצְן בַּיים טִישׁ. הָאט זִיךְ דֶער אִינְגֶערְמַאן אוּיפְגֶעשְׁטֶעלְט און צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער און אָנְגֶעהוֹיבְּן ווֵיינֶען, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט ווַייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה.

**וָואס** אִיז אֵייגֶנְטְלִיךְ גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן? פְּלֶעגְט מוֹהֲרַא"שׁ שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן, אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צֶעאַמְפֶּערְט מִיט זַיין ווַייבּ בֶּעפָאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, און דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן מִיט אִים, ווַייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מֹחַ, מֶען וֶוערְט אוּיס מֶענְטְשׁ און נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ. דֶערְפַאר אַז

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין שַׁבָּת שְׁקָלִים בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ט, ח): "אִי אֶפְשָׁר לְאִישׁ בְּלֹא אִשָּׁה, וְאִי אֶפְשָׁר לְאִשָּׁה בְּלֹא אִישׁ, וְאִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵיהֶן בְּלֹא שְׁכִינָה", אַ מַאן קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ וַוייבּ, אוּן אַ פְרוֹי קֶען נִישְׁט זַיין אָן דֶעם מַאן, אוּן בֵּיידֶע פוּן זֵיי - דֶער מַאן מִיט זַיין וַוייבּ, קֶענֶען נִישְׁט זַיין אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי וָואךְ שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית כט.): "אָמַר רַב יְהוּדָה מִשְּׁמֵיהּ דְּרַב: "כְּשֵׁם שֶׁמִּשֶּׁנִּכְנַס אָב מְמַעֲטִין בְּשִׂמְחָה, כַּךְ מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה"; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ שׁוֹין פוּן הַיינְט אָנְהֵייבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

## ב

### זוּךְ זִיךְ נִישְׁט אָפְּצוּרֶעדְן, מַאךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים-שְׁקָלִים, מְבָרְכִים אֲדָר, כ"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד... נֵרוֹ יָאִיר

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דִי לֶעצְטֶע וָואךְ פוּן שׁוֹבְבִי"ם אוּן מֶען קֶען דִי וָואךְ שַׁבָּת אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

חלק ב׳, סימן יז): ״צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת״, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת און מַשְׁחִיתִים. דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם סמ״ךְ מֶ״ם אִיז ׳וויינֶען און קְלָאגְן׳, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): ״אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה׳, יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ״, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער; אַנְשְׁטָאט זוּכְן וִוי דוּ קֶענְסְט זִיךְ אָפְּרֶעדְן, דַאנְק עֶנְדֶערְשׁ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ און קִינְדֶער.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ד): פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גְלַייךְ בַּאשַׁאפְן חַוָּה צוּזַאמֶען מִיט אָדָם הָרִאשׁוֹן, פַארְוָואס אִיז אָדָם הָרִאשׁוֹן בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אֵיינֶער אַלֵיין און עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּרֶענְגְט אַ וַוייבּ? נָאר: ״צָפָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁהוּא עָתִיד לִקְרוֹת עָלֶיהָ תִּגָּר, לְפִיכָךְ לֹא בְרָאָהּ לוֹ עַד שֶׁתְּבָעָהּ בְּפִיו״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוויסְט אַז אָדָם הָרִאשׁוֹן וֶועט זִיךְ אָפְּרֶעדְן וְכוּ׳ הָאט עֶר גֶעוַוארְט וויַלַאנְג עֶר וֶועט עֶס בֶּעטְן.

**דֶערְמַאן** זִיךְ וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וִוי דוּ הָאסְט גֶעוַויינְט אַז דוּ ווילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ הָאסְט

אַלֶעס פְּרוּבִירְט צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ; יֶעצְט וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן, הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ זוּכְן צָרוֹת? פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ זוּכְן וִוי מֶען קֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן?! בֶּעסֶער גֵיי אַהֵיים הֶעלְפְן אַבִּיסְל אָנְגְרֵייטְן פַאר שַׁבָּת, גֶעבּ אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, מַאךְ פְרֵיילִיךְ - וֶועט אַלֶעס וֶוערְן גוּט.

דִי וָואךְ שַׁבָּת לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת שְׁקָלִים; דִי מִצְוָה פוּן שְׁקָלִים לֶערְנְט אוּנְז אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן הַאלְבּ אוּן וִויסְן אַז נָאר מִיט נָאךְ אַ אִיד אִיז עֶר גַאנְץ. קוֹדֶם הֵייבְּט זִיךְ עֶס אָן אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז אַ בָּחוּר אִיז עֶר הַאלְבּ, וַוייל ווִילַאנְג עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן זַיין זִיווּג אִיז עֶר אַ פְּלַג גוּף, עֶרְשְׁט וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט עֶר אָן 'אָדָם הַשָּׁלֵם'; נָאכְדֶעם דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ אַלֵיינְס בִּין הַאלְבּ אוּן מַיין וַוייבּ אִיז הַאלְבּ - צוּזַאמֶען זֶענֶען מִיר גַאנְץ, וֶוען בֵּיידֶע הַאלְטְן זִיךְ אֵיינִיג אַז בֵּיידֶע זֶענֶען הַאלְבּ אוּן נָאר צוּזַאמֶען אִיז מֶען גַאנְץ - דֶעמָאלְט אִיז דָא אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ט, ח): "אִי אֶפְשָׁר לְאִישׁ בְּלֹא אִשָּׁה, וְאִי אֶפְשָׁר לְאִשָּׁה בְּלֹא אִישׁ, וְאִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵיהֶן בְּלֹא שְׁכִינָה", אַ מַאן קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ וַוייבּ אוּן אַ פְרוֹי קֶען נִישְׁט זַיין אָן דֶעם מַאן אוּן בֵּיידֶע פוּן זֵיי - דֶער מַאן מִיט זַיין וַוייבּ, קֶענֶען נִישְׁט זַיין אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן: 'צוּזַאמֶען זֶענֶען מִיר גַאנְץ, אָבֶער אִיךְ בִּין זֶעכְצִיג אוּן דוּ בִּיסְט פֶערְצִיג', דאס איז ס'-זֶעכְצִיג אוּן מ'-פֶערְצִיג, צוּזַאמֶען אִיז עֶס הוּנְדֶערְט; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זוּכְט נָאר וִוי מֶען קֶען מַאכְן פֵּירוּדִים צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ. אָדֶער מַאכְט עֶר אֵיינֶעם טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין מ'-פֶערְצִיג אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז ס'-זֶעכְצִיג', דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם.

דָאס בֶּעטְן מִיר דִי וָואךְ בַּיי דִי יוֹצֵר לְשַׁבָּת שְׁקָלִים (יוֹצֵר לְמוּסָף): אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נְשָׂא - "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְן מִיט דִיר, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ בִּין נָאר אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אִיךְ וֶועל גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ דַארְף לֶעבְן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ וֶועל זַיין אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּב אוּן אִיךְ וֶועל זַיין אַ סַבְלָן".

**אַ פְרֵייליכְן שַׁבָּת.**

# עִנְיַן שַׁבָּת זָכוֹר וּמְחִיַּית עֲמָלֵק

## ג

### 'יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא - שַׁבָּת זָכוֹר, ח' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר שַׁבָּת זָכוֹר וֶוען מִיר הָאבְּן אַ מִצְוַת עֲשֵׂה אוֹיסְצוּמֶעקְן עֲמָלֵק; עֲמָלֵ"ק אִיז בְּגִימַטְרִיָּא סָפֵ"ק, וַוייל דֶער עִיקָר פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיט אִים אוּן אַז עֶר דַארְף אִים נִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יז, ז): "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן"; אוּן מִיר דַארְפְן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים וְכוּ', נָאר גְלֵייבְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן 'יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם'; בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין הִימְל אוּן וָואס פַאר אַ רַעַשׁ עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן, אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מְקַטְרִיגִים וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט פוּן דֶעם.

**זֶע** צוּ זַיין פְֿרֵיילִיךְ אוּן מַאךְ פְֿרֵיילִיךְ דַיין ווייבּ; דָאס אִיז אַ מִצְוָה פּוּנְקְט ווי אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז עֶס זָאל זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטוּב, בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת וָואס דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע - וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן דֶער מַאן אוּן ווייבּ גֵייעֶן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם שַׁבָּת וְכוּ', וֶועגְן דֶעם טוּט עֶר אַלֶע פְּעוּלוֹת אַז מֶען זָאל זִיךְ צֶעקְרִיגְן אוּן מֶען זָאל בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵויטְן.

**זֶע** צוּ גֵיין שַׁבָּת אִין שׁוּל - אֲפִילוּ דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף שְׁפֶּעט, אוּן זוּךְ אַ מִנְיָן וואוּ דוּ קֶענְסְט הֶערְן לֵיינֶען דִי קְרִיאָה פוּן זָכוֹר, זַיי נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין דֶעם ווייל עֶס אִיז אַ דְאוֹרַיְיתָא. אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶעט מֶען מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן, זַיי לוֹיפְן אַרוּם פוּן אֵיין שׁוּל צוּם צְוֵויטְן אוּן זֶענֶען פוּל מִיט חוּמְרוֹת אוּן מָרָה שְׁחוֹרוֹת וְכוּ', דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל טוּן אַ מִצְוָה פְֿרֵיילִיכֶערְהֵייט, ווייל שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת. אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן צִי עֶר אִיז אִין דִי קְדוּשָּׁה צִי נִישְׁט; אוֹיבּ אִיז עֶר פְֿרֵיילִיךְ, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אִין דִי קְדוּשָּׁה.

**אַ פְֿרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

## ד

### מען קען זיך שטענדיג צוריק קערן צום אייבערשטן

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת פרשת תצוה, שבת זכור, י"ב אדר, שנת תשע"ז לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

**מיר** גייען אריין אין זייער א גרויסער שבת - שבת פרשת זכור, ווען מיר האבן א מצוה אויסצומעקן עמלק. דערפאר זאלסטו זען צו קומען אין שול שבת אינדערפרי און אויסהערן דאס ליינען. מהרא"ש זאגט אז דערפאר ליינט מען פרשת זכור פאר פורים, ווייל איינמאל מען מעקט אויס עמלק ווערט מען פרייליך און מען קען טאנצן און שפרינגען.

**וואס** איז עמלק? עמל"ק באטרעפט אזויפיל ווי ספ"ק; דאס זענען די אלע ספיקות וואס א מענטש האט: 'וועל איך נאך האבן א תקנה?' 'קען איך נאך תשובה טון?' 'דער אייבערשטער דארף מיר נאך האבן?' 'צי ווערן מיינע תפילות אויך אנגענומען?' דאס אלעס און נאך - ברענגט עמלק אריין אינעם מענטש. דערפאר דארפן מיר אויסמעקן אלע ספיקות און מיר דארפן וויסן איינמאל פאר אלעמאל אז מיר קענען זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, אפילו מען איז אראפגעפאלן וואו מען איז אראפגעפאלן.

**מוצאי** שבת גייט מען ליינען די מגילה; זאלסט זען אז דיין ווייב זאל אויך קומען אין שול הערן די מגילה. אויב דו האסט גאר קליינע קינדער קענסטו זיי נישט ברענגען אין שול ווייל זיי קענען שטערן דעם גאנצן שול פון יוצא

זַיין קְרִיאַת הַמְגִילָה, זָאלְסְטוּ טְרֶעפְן פַאר דַיין וַוייבּ אַ פְּלַאץ וואו זי קֶען הֶערְן קְרִיאַת מְגִילָה.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט נָאכְזָאגְן פוּן צַדִיקִים אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ אַרָאפְּצוּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן לַיידְן וָואס מֶען לַיידְט - זִיבֶּעצִיג יָאר, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן אֵיינְמָאל קְרִיאַת הַמְגִילָה.

**בְּנוֹגֵעַ** טְרִינְקֶען פּוּרִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה ז:): "חַיָּיב אִינִישׁ לְבְסוּמֵי בְּפוּרַיָא, עַד דְלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְכַי", אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז מֶען זָאל טְרִינְקֶען פּוּרִים (אוֹרַח חַיִים סִימָן תרצה, סְעִיף ב); מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר זַיין מֶען זָאל טְרִינְקֶען מִיט אַ מָאס, נִישְׁט זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל וֶוערְן שִׁיכּוֹר וִוי לוֹט אוּן פַארְפַּאסְן דַאוֶונֶען מִנְחָה, מַעֲרִיב אוּן בִּרְכַּת הַמָזוֹן וְכוּ' וְכוּ'.

**בַּיינַאכְט** - מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל'דִיגֶע זַאךְ. מֶען זֶעט בָּחוּרִים טְרִינְקֶען זִיךְ אָן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט אוּן וֶוערְן אַזוֹי שִׁיכּוֹר אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פּוּרִים נָאכְדֶעם. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט בִּכְלַל נִישְׁט טְרִינְקֶען דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט, נָאר לֵייג דִיךְ שְׁלָאפְן פְּרִי זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיסְנוּצְן אַבִּיסְל פּוּרִים צוּפְרִי וֶוען דֶער מֹחַ אִיז נָאךְ קְלָאר - צוּ דַאוֶונֶען אוּן צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים.

**פּוּרִים** אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען דַארְף לֶערְנֶען אוּן דַאוָוענֶען, אוּן אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן טוֹיזְנְט אַזֵייגֶער שְׁטֵייט מֶען אוֹיף צְוֵויי טוֹיזְנְט אַזֵייגֶער, דֶערְפַאר מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן טְרִינְקֶען נָאר מֶען מַאכְט אַ סְעוּדָה אוּן מֶען גֵייט שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ.

**ווָאוֹיל** אִיז דֶעם ווָאס נוּצְט אוֹיס אַזַא טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין; מֶען לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען גֵייט אַרוּם טְרָאגְן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן פַאר דִי ווַייבְ׳ס עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען שְׁפְּרִינְגְט. עֶס אִיז כְּדַאי צוּ דַאוָוענֶען מִנְחָה נָאכְמִיטָאג נָאךְ פַאר מֶען ווָאשְׁט זִיךְ צוּ דִי סְעוּדָה, שְׁפֶּעטֶער מַאכְט מֶען אַ סְעוּדָה אוּן מֶען טְרִינְקְט אַפָּאר כּוֹסוֹת בִּיז מֶען ווֶערְט פְרֵיילִיךְ.

**ווִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז אֵיינֶער ווָאס שְׁלָאגְט פּוּרִים אִיז נִישְׁט קַיין שִׁיכּוֹר, נָאר אַ שֵׁגֶץ; עֶר ווִיל אַ גַאנְץ יָאר שְׁלָאגְן, נָאר אַ גַאנְץ יָאר הָאט עֶר מוֹרָא אַז מֶען ווֶעט אִים אַרֶעסְטִירְן, מַאכְט עֶר זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אַז עֶר ווֶעט ווַארְטְן אוֹיף פּוּרִים, עֶר מַאכְט זִיךְ ווִי עֶר אִיז שִׁיכּוֹר אוּן עֶר שְׁלָאגְט אוּן פִּירְט זִיךְ אוֹיף ווִי אַ ווַאנְזִינִיגֶער חַיָ׳; אֵיינֶער ווָאס אִיז טַאקֶע שִׁיכּוֹר ווֶעסְטוּ זֶען ווַיינֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, אָדֶער ווֶעט עֶר טַאנְצְן אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן בִּיז עֶר פַאלְט אַרָאפּ, אָדֶער כַאפְּט עֶר אַ מֶענְטְשׁ, עֶר נֶעמְט אִים אַרוּם אוּן שְׁרֵייט: "אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ וְכוּ' וְכוּ'".

**דָאס** זֶעלְבֶּע זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיין וַוייבּ און אוֹיבּ דוּ הָאסְט גְרוֹיסֶע טֶעכְטֶער - פַאר זֵיי אוֹיךְ, וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט מְנֻוָלוֹת און עֶר לוֹיפְט נָאךְ פְּרוֹיעֶן אוּם פּוּרִים אִיז עֶר נִישְׁט שִׁיכּוֹר און דָאס אִיז נִישְׁט פָאנִי און קְיוּט, נָאר דֶער אִיז אַ מְנֻוָל, אַ שֵׁגֶץ און מְסוּכָּן. זֵיי דַארְפְן ווִיסְן אַז פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן, וַוייל עֶר וִויל רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ וְכוּ' אָדֶער מִיט דַיינֶע טֶעכְטֶער אַ גַאנְץ יָאר, נָאר עֶר צִיטֶערְט אַז מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְווִיסְן וֶוער עֶר אִיז, מִמֵּילָא גֶעבְּט עֶר אַכְטוּנְג, אָבֶער פּוּרִים הָאט עֶר נִישְׁט קַיין מוֹרָא וַוייל מֶען וֶועט זָאגְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען שִׁיכּוֹר וְכוּ'. מֶען טָאר נִישְׁט זַיין נַאִיווּ, מֶען דַארְף זַיין פָארְזִיכְטִיג.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת, סג.): "תַּנְיָא, רַבִּי אוֹמֵר, לְעוֹלָם לֹא יַרְבֶּה אָדָם רֵעִים בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ"; אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הַאלְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה און עֶר הָאט נָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וְכוּ' דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ אַיינְלַאדֶענֶען נָאךְ אַ קָאפְּל בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, וַוייל עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס פוּן דֶעם. אִיךְ רֶעד נִישְׁט וֶוען מֶען פְרֶעגְט אַ דַיָין וְכוּ'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן י): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת עַצְמוֹ מִלָּלוּן וְגַם לָדוּר שְׁנֵי זוּגוֹת בְּבַיִת אֶחָד, עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לְחַתְנוּתָא כֹּהֲנִים, וּבְנֵי אָדָם חֲשׁוּבִים גְּדוֹלִים", דֶער וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ נֶעכְטִיגְן און נִישְׁט צוּ וואוֹינֶען צְוֵויי פָארְפֶעלְקֶער אִין אֵיין הוֹיז - וֶועט הָאבְּן חָשׁוּבְ'ע קִינְדֶער; וַוייל אַז מֶען פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת און אֵיידְל הָאט מֶען וואוֹילֶע קִינְדֶער, און אַז מֶען פִירְט זִיךְ פְּרָאסְט הָאט מֶען נָאכְדֶעם צַעַר פוּן דִי קִינְדֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): "אָמְרֵי אִינְשֵׁי: שׁוּתָא דְּיָנוּקָא בְּשׁוּקָא - אוֹ דַּאֲבוּהָ אוֹ דְּאִימֵּיהּ", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט אִיז דָאס אָדֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין טַאטֶע אָדֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן דִי מַאמֶע; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, וַיִּשְׁלַח, ז) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לד, א): "וַתֵּצֵא דִינָה בַּת לֵאָה" - וְלֹא בַּת יַעֲקֹב? אֶלָּא עַל שֵׁם יְצִיאָתָהּ נִקְרֵאת בַּת לֵאָה, שֶׁאַף הִיא יַצְאָנִית הָיְתָה, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית ל, טז): וַתֵּצֵא לֵאָה לִקְרָאתוֹ; וְעָלֶיהָ מָשְׁלוּ הַמָּשָׁל: כְּאִמָּהּ - בִּתָּהּ"; אַז אַ קִינְד זֶעט זַיין טַאטֶע פְרֵייְדְט זִיךְ מִיט מִצְוֹת וֶועט עֶר אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ קִינְד וָואס זֶעט וִוי זַיין טַאטֶע קוּמְט אִין שׁוּל שַׁבָּת אוּן עֶר פְרֵייְדְט זִיךְ שַׁבָּת, עֶר זִינְגְט מִיט בַּיים דַאוֶועֶנען אוּן עֶר אִיז פְרֵיילִיכֶער שַׁבָּת, וֶועט דָאס קִינְד אוֹיךְ וַוארְטְן צוּ הָאבְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב אוּן פְרַאוֶועֶן אַ שֵׁיינֶעם שַׁבָּת.

**מוֹהֲרָא"ש** זָאגְט אַז רוֹב רֻבָּם פוּן דִי קִינְדֶער וָואס לָאזְן אַלֶעם אָפּ, שׁוּלְדִיג אִין דֶעם זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן;

אַוַודַאי אִיז דִי אַטְמָאסְפֶער אַז דִי סִיסְטֶעם טוֹיג נִישְׁט אוּן אַז דִי חֲדָרִים טוֹיגְן נִישְׁט, אָבֶער דָאס אִיז אַלֶעם תֵּירוּצִים, וַוייל עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער וִוי אַ סִיסְטֶעם, עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעמֶען; נָאר וָואס דֶען? דֶער טַאטֶע'ס קָאפּ אִיז נִישְׁט דָא, עֶר זוּכְט וִוי עֶר קֶען אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואךְ נָאךְ וָואךְ וָואס עֶר פַארְגֶעסְט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ תַּכְלִית, אַז עֶס אִיז דָא אַ בֵּית הַקְּבָרוֹת, אַז עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ מִיט טוֹיזְנְט אוֹיגְן, עֶר גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל אוּן עֶר עֶפְנְט נִישְׁט

אויף קיין אידיש ספר, נאכדעם שרייט מען אז די סיסטעם טויג נישט. אוודאי זענען דא אסאך זאכן וואס מען דארף נאך מתקן זיין, דאס וואס מלמדים שלאגן און דערנידערן וכו', אבער יעצט רעד איך נישט צום מלמד, יעצט רעד איך צו דיר, וואס דו דארפסט טון פון דיין זייט אז דו זאלסט קענען זאגן: "ידינו לא שפכו את הדם הזה, ועינינו לא ראו", - איך האב געטון אלעס פאר מיינע קינדער.

די קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי שטארק חינוך האט א השפעה לטוב ולרע; איך זע עס צענדליגער מאל א טאג ביי די קינדער און ביי די בחורים. זיי טוען זאכן און זיי כאפן נישט אז זיי טוען דערמיט נאך זייערע עלטערן, און דאס זעלבע פארקערט - איך קען זאגן פאר א בחור נאכאמאל און נאכאמאל אז מען דארף אפגיסן 'נעגל וואסער', און איך פועל נישט, ווייל אז דער קינד איז אויפגעוואקסן אן דעם, איז זייער שווער צו פועל'ן ער זאל יא מקפיד זיין אויף דעם און נישט אראפגיין פון בעט אן נעגל וואסער.

**מוהרא"ש** שרייבט (אשר בנחל) אז "נעגל וואסער" איז א יסוד היסודות אין א אידישער שטוב און אין א שטוב וואס די עלטערן גיסן אפ די קליינע קינדער נעגל וואסער איז דא קדושה אין דעם שטוב.

די עלטערן וואס רעדן צו די קינדער אז מען דארף זיך פירן בצניעות, און זיי רעדן פון דאס שיינקייט פון צניעות; די קינדער ווען זיי וואקסן אויף גייען זיי ווייטער אנגעטון

בִּצְנִיעוּת, אָבֶער דִי אַלֶע וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען, נָאר פַארְקֶערְט, דִי קִינְדֶער הָאבְּן אוֹיפְגֶעבַּאפְּט נֶעגֶעטִיוֶוע גֶעפִילְן צוּ קִיּוּם הַמִּצְווֹת - זֵיי וִוילְן אַלֶעס אָפְּלָאזְן, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגֶע שַׁבָּת אוּן אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים.**

## ה

## אַ כָּשֵׁר'ן פּוּרִים אוּן אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, שַׁבַּת זָכוֹר, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**פְרוֹיעֶן** זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה ד.): "אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי: נָשִׁים חַיָּיבוֹת בְּמִקְרָא מְגִילָה, שֶׁאַף הֵן הָיוּ בְּאוֹתוֹ הַנֵּס", פְרוֹיעֶן זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב צוּ הֶערְן לֵיינֶען דִי מְגִילָה, וַוייל דִי נֵס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט זֵיי; הָמָן הָרָשָׁע הָאט גֶעוָואלְט אוֹיס'הַרְגְ'עֶנֶען אַלֶע אִידְן - מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, הָאט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן אוּן מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן וְנַהֲפוֹךְ הוּא, מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הָמָן הָרָשָׁע מִיט זַיינֶע קִינְדֶער.

**אוֹיבּ** אִיר הָאט נָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר זִיךְ אַיינְטֵיילְן מִיט אַייעֶר מַאן אַז אִיר זָאלְט קֶענֶען גֵיין אִין שׁוּל

הערן די מגילה, אדער זאל אייער מאן ליינען פאר אייך די מגילה אין שטוב; מען קען נישט ברענגען אין שול קליינע קינדער וואס שטערן, ווייל זיי שטערן דעם גאנצן שול פון יוצא זיין די מגילה.

די מעשה פון די מגילה אליינס איז א מורא'דיגע חיזוק צו בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך וואס מען דארף, אפילו עס זעט אויס ווי מען קען שוין גארנישט טון. ווייל די גזירה וואס המן און אחשורוש האבן געמאכט איז אויך געווען א גזירה וואס בדרך הטבע וואלט מען גארנישט געקענט טון, דאך האט זיך עס איבערגעדרייט לטובה, בזכות די תפילות פון אידישע קינדער; דערפאר זאלט איר אויך נישט אויפגעבן אויף אייערע בקשות וואס איר דארפט געהאלפן ווערן, נאר איר זאלט בעטן און בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם.

**איר** קענט זיך נישט פארשטעלן וואס יעדע ווארט טוט אויף אויבן אין הימל, עס מאכט אזא רעש און א טומל. בפרט ווען א פרוי קומט צום אייבערשטן און גיסט זיך אויס איר הארץ, זי בעט פאר אירע קינדער זיי זאלן זיין ערליכע אידן און זיי זאלן אויך אויפשטעלן נאר ערליכע דורות - דאס מאכט אויבן אין הימל זייער א גרויסע טומל, דער אייבערשטער אליין הערט זיך צו צו איר געבעט.

די וואך איז שבת זכור וואס מיר האבן א מצוה אויסצומעקן עמלק; עס זענען דא פרויען וואס זענען זייער מקפיד צו

גייַן אין שול הערן שַבָּת זָכור, אַנְדערע פרויעַן וָואס קומֶען נישְט אָן צו גייַן אין שול פַארְלָאזְן זיך אויף פּורים אינְדערפְרִי וָוען מֶען הערט לייֶנען די מְגילָה, וָואס מֶען קֶען קומֶען אַפָּאר מינוט פְריעֶר און הערְן וי דער בַעַל קורֵא לייֶנְט די פַּרְשָׁה פון וַיָּבֹא עֲמָלֵק.

**אִיךְ** בֶעט אַייך זייער, גִעבְּט אַכְטונג אויף צְניעות; אֲפִילוּ עֶס איז פּורים און מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, מיינְט דָאס אָבֶער נישְט אַז מֶען מֶעג זיך אויפְפִירן פְּרָאסְט וְכוּ׳, עֶס זֶענֶען דָא מְנֻוָּלִים וָואס נוצְן אויס פּורים פַאר זייעֶרע תַּאֲוות; אַ גַאנְץ יָאר הָאט עֶר מורָא צו רֶעדְן מיט אַ פְּרֶעמְדֶע פְרוי אָדער צוקומֶען נָאנְט וְכוּ׳, וַוארְט עֶר אויף פּורים און דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר זיך ווי עֶר איז שִׁיכּור און עֶר לַאכְט צו אַייך וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִמֵּילָא אויב איר זֶעט אייֶנער רֶעדְט צו אַייך נישְט איידל, זָאלְט איר וויסְן אַז עֶר איז נישְט שִׁיכּור, נָאר עֶר איז פָּשוּט אַ מְנֻוָּל און איר זָאלְט אַנְטלויפְן פון אים ווי מֶען אַנְטלויפְט פון פֵייעֶר. און אַ גַאנְץ יָאר זָאלְט איר נישְט הָאבְן מיט אים קַיין שַׁיְיכוּת.

**אוֹיב** הָאט איר גְרויסֶע קינְדֶער - בִּפְרַט מֵיידְלֶעךְ, דַארְפְט איר זיי אויסְלֶערְנֶען אַז מיט אַ פְּרֶעמְדֶע מַאן רֶעדְט מֶען נישְט, אויב אייֶנער פְרֶעגְט עֶפֶּעס און מֶען דַארְף עֶנְטְפֶערְן, עֶנְטְפֶערְט מֶען קורְץ און שַׁארְף וְכוּ׳. עֶלְטֶערְן דַארְפְן מְחַנֵךְ זַיין די קינְדֶער ווי אַזוי זיך אויפְצופִירְן, בִּפְרַט וָוען עֶס קומְט פּורים וָואס איז אַזַא גְרויסֶע טָאג, קומְט דֶער יֵצֶר הָרָע און עֶר פַארְגִינְט נישְט אַז אידישֶע קינְדֶער קֶענֶען זיך אינְגַאנְצְן

צוקלעבן צום אייבערשטן, ברענגט ער אז מען זאל נישט ווייסן וואס איז פרייליך און וואס איז פארקערט פון פרייליך,
וואס איז ערליך און וואס איז פארקערט פון ערליך.

**ליידער** ליידער זעט מען ווי אינגעלייט פירן זיך אויף זייער נישט איידל; איך געדענק ווען איך בין געווען א בחור, איך פלעג גיין פורים נאך געלט, פלעגט מען זען אין שטובער וואו אינגעלייט פירן זיך אויף נישט ווי עס דארף צו זיין, מיט די אייגענע ווייב ברבים וכו'.

**אלעם** וואס מען וויל טון קען מען טון ערליכערהייט, איידל און פריוואט; אז איך ווילט פארוויילן מיט אייער מאן - אדרבה ואדרבה, נישט קיין פראבלעם, אבער פארוואס ארויסשטעלן פיקטשערס וואס זענען פריוואט - אויף סאושעל מידיע וכו' וכו'?! איך מוז אייך זאגן אז דער דור איז אזוי געפאלן - נישט נאר ברוחניות, נאר פשוט אין נארמאלקייט; מען דארף היינט רעדן זאכן וואס אמאל האט מען נישט געדארפט רעדן. עס איז אן עקל און א גרויל אז מען שטעלט ארויס בילדער פון מאן און ווייב, אפילו איידעלע בילדער. מענטשן שעמען זיך נישט היינט פון גארנישט, עס איז נישטא קיין בושה, וואס דאס איז דער סימן צי מען איז א ירא חטא, אזוי ווי די היילגע חכמים זאגן (נדרים כ.): "תניא: בעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו (שמות כ, כ), בעבור תהיה יראתו על פניכם - זו בושה, לבלתי תחטאו - מלמד שהבושה מביאה לידי יראת חטא", און ווער עס האט מידת הבושה, איז א גוטע סימן.

וָוען מֶען וואוּנְטְשְׁט אָן אַ מֶענְטְשׁ אִין דִי טֶעג זָאגְט מֶען: "אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים" אוּן "אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח", עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז מֶען דַארְף וואוּנְטְשְׁן פַארְקֶערְט: "אַ כָּשֵׁר'ן פּוּרִים" - וַוייל פּוּרִים אִיז יֶעדֶער פְרֵייליךְ, אָבֶער עֶס דַארְף אוֹיךְ זַיין כָּשֵׁר, אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אֵיידֶל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן אוֹיף פֶּסַח זָאל מֶען וואוּנְטְשְׁן: "אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח" - וַוייל אַ כָּשֶׁר'עֶ פֶּסַח הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער, וַוייל מֶען וַואשְׁט אוּן מֶען רוֹימְט אוּן מֶען קְרַאצְט אוּן מֶען רַייבְּט שׁוֹין וָואכְן פַאר פֶּסַח, נָאר נִישְׁט יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ פֶּסַח, וַוייל אַסַאךְ מָאל פוּן אַזוֹיפִיל חוּמְרוֹת וֶוערְט מֶען אָנְגֶעצוֹיגְן, וֶועגְן דֶעם וואוּנְטְשְׁט מֶען אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

## ו

### אַרוֹיסְגֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה - זָכוֹר, ח' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ה לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, דִי וָואךְ אִיז שַׁבָּת זָכוֹר; מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מְחִיַּית עֲמָלֵק, אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק.

זֶע צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אוּן אוֹיסְהֶערְן דָאס לֵיינֶען, וַוייל לוֹיט אַ טֵייל פּוֹסְקִים אִיז דָאס אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה.

**עס** זענען דא פרויען וואס זענען זייער מקפיד צו גיין אין שול הערן פרשת זכור, נאכדעם זענען דא וואס קומען נישט אן צו גיין אין שול, זיי פארלאזן זיך אויף פורים אינדערפרי ווען זיי קומען אין שול הערן די מגילה, דעמאלט ליינט דער בעל קורא די פרשה פון ויבא עמלק.

**דער** הייליגער רבי זאגט (ספר המידות אות שבת, חלק ב סימן א): "השבת נותנת חיים גשמיים גם כן", שבת געבט צו א שטיק לעבן פאר'ן מענטש; א מענטש וואס פריידט זיך מיט'ן שבת ווערט פשוט יונגער און געזונטער. דערפאר זע צו זיין פרייליך און מאך פרייליך דיין ווייב, דורכדעם וועט דיר צוקומען א שטיק לעבן.

**געב** אכטונג אז עס זאל נישט זיין קיין שום רייבערייען צווישן דיר אין דיין ווייב. וויסן זאלסטו אז דער סמ"ך מ"ם טוט אלעס אויף די וועלט אז שבת זאל זיין עפעס א מחלוקה צווישן מאן אין ווייב, ווייל דער הייליגער אריז"ל זאגט (לקוטי תורה, פרשת כי תשא) אז די ראשי תיבות פון די ווערטער (שמות לא, טז): "ושמרו ב'ני י'שראל א'ת ה'שבת" איז ביאה; צו ווייזן אז שבת דארף מען זען צו זיין צוזאמען וכו'. ווען מאן און ווייב זענען בשלום ווערט דער יצר הרע פארברענט, ער דארף איבערלאזן דעם הויז און זוכן א צווייטע פלאץ וואו צו גיין איבערדרייען, דעריבער זוכט ער פון אלע זייטן ווי ער קען אוועק נעמען די ליבשאפט אין שטוב.

מוהר״א״ש האט געזאגט: פארוואס ליגט מען אין שלאף צימער א בילד פון די חתונה? ווייל יעדעס מאל מען וועט קוקן אויפ׳ן בילד וועט מען זיך דערמאנען און מען וועט זאגן: ״מיר זענען געווען אזוי פרייליך ביי אונזער חתונה און מיר האבן זיך אזוי ליב געהאט, נו פארוואס זאלן מיר זיך נישט יעצט ליב האבן אזוי, פארוואס זאלן מיר זיין אזוי פארביטערט איינער אויפ׳ן צווייטן??!״

די וואך מעקט מען אויס עמלק; וואס וויל עמלק? וואס איז עמלק? עמל״ק באטרעפט אזוי ווי ספ״ק, דער עיקר פון עמלק איז אריינצוברענגען ספיקות אינעם מענטש, ׳וועל איך נאך האבן א תקנה?׳ ׳קען איך נאך תשובה טון?׳ ׳דער איבערשטער דארף מיר נאך האבן?׳ ׳ווערן מיינע תפילות אויך אנגענומען?׳ דאס אלעס און נאך ברענגט עמלק אריין אינעם מענטש, אז דער מענטש זאל טראכטן אז דער איבערשטער איז נישט מיט אים און אז דער איבערשטער דארף אים נישט, אזוי ווי עס שטייט (שמות יז, ז): ״היש ה׳ בקרבנו אם אין״; און גלייך נאכדעם שטייט ״ויבא עמלק״.

מיר דארפן אויסמעקן עמלק דורכדעם וואס מיר וועלן ארויסנעמען פון זיך די אלע ספקות ובלבולים וכו׳; מיר דארפן גלייבן אינעם איבערשטן אז דער איבערשטער איז מיט אונז, ביי אונז און נעבן אונז און ער הערט צו אונזערע תפילות. אזוי אויך דארפן מיר האבן אמונה אין

זיך און שטענדיג טראכטן: 'יעדע זאך וואס איך טו, האט דער אייבערשטער א נחת רוח פון דעם'; בפרט ווען א מענטש האט שכל און ער רעדט זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, קען מען זיך נישט פארשטעלן וואס עס טוט זיך אפ אין הימל און וואס פאר א רעש עס ווערט דערפון, אלע קליפות און מקטריגים ווערן פארברענט פון דעם.

א פריילעכן שבת.

## ז

### ווי אזוי קענען מיר אויסמעקן עמלק?

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויקרא, זכור, ח' אדר ב', שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר.

די וואך שבת איז שבת זכור ווען מיר האבן א מצוה פון מחית עמלק.

מוהרא"ש זאגט אז עמל"ק באטרעפט אזוי ווי דאס ווארט ספ"ק, ווייל די גאנצע קליפה פון עמלק איז אריינברענגען ספיקות, קשיות און בלבולים אינעם מענטש. עמלק וויל אפשוואכן אונזער אמונה אינעם אייבערשטן, מען זאל טראכטן אז די וועלט פירט זיך מיט טבע, מקרה און מזל.

די וואך ווען מיר מקיים זיין די מצוה פון מחית עמלק, מיר ווען אויסמעקן אלע ספיקות, קשיות און בלבולים

דורכדעם וואס מיר וועלן אריינעמען אין אונז אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און ער פירט דאס מיט א פונקטליכע השגחה, קיין שום זאך פאסירט נישט פון זיך אליינס, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן אונז (חולין ז:): "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה", א מענטש צעקלעמט זיך נישט זיין פינגער אן דעם וואס מען זאל אויסרופן אין הימל פון פאראויס אז פלוני זאל זיך צעקלאפן זיין פינגער.

**דערפאר** דארפן מיר זיך צוגעוואוינען צו רעדן נאר דיבורי אמונה; אלע אונזערע דיבורים דארפן זיין פונעם אייבערשטן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות נח.): אויפ'ן פסוק (דברי הימים-א כט, יא): "לך ה' הממלכה" - זו מלחמת עמלק; איז מוהרא"ש מסביר, אז דורכדעם וואס מיר רעדן פונעם אייבערשטן, מען שמועסט פונעם אייבערשטן, מען דערציילט פאר אלעמען אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און ער איז קעניג אויף די וועלט, מיט דעם אליינס מעקט מען אויס עמלק וואס וויל אריינברענגען ספיקות אין די אמונה.

**אויך** זאלסטו זיך פארנעמען אפצולאזן אלע מחלקת'ער און נישט האבן צוטון מיט קיינעם אויף די וועלט; דו גיי אויף דיין וועג און לאז א צווייטן גיין אויף זיין וועג, דיינע דיבורים מיט א צווייטן זאלן נאר זיין דיבורי התחזקות. זוך נישט וואו דו קענסט יענעם אונטערדרייסן וכו'. מיט דעם וועסטו אויסמעקן די קליפה פון 'המן' און 'עמלק' וואס זייער

גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר (אֶסְתֵּר ג, ח): "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד", - מַאכְן מַחֲלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָבֶּער אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, זַייעֶר זַאךְ אִיז (אֶסְתֵּר ד, טז): "לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים", גֵיי נֶעם צַאם אַלֶע אִידְן; דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זָאלְסְט אָפְּלָאזְן אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס דוּ הָאסְט מִיט אַנְדֶערֶע אוּן זָאלְסְט נָאר מְחַזֵּק זַיין אַ צְוַוייטְן.

**בִּפְרַט** אִין שְׁטוּב - בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קֵיינֶעם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "דְּרָחִים רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן", אוּן וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֵיידֶעמֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים; וַוייל אַז קִינְדֶער הֶערְן שְׁטֶענְדִיג פוּן זַייעֶר טַאטֶע ווִי עֶר אִיז מַחְשִׁיב יֶעדְן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועלְן זֵיי זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן בִּיז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי אוֹיךְ, אַז דִי טֶעכְטֶער הֶערְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ ווִי מֶען רֶעדְט שֵׁיין פוּן אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְן זֵיי וֶועלְן אַז זֵייעֶרֶע מֶענֶער זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן בִּיז זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אוֹיבּ דֶער טַאטֶע מַאכְט שְׁטֶענְדִיג חוֹזֶק פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, בַּיי אִים אִיז נָאר דָא 'זַיין עֶרְלִיכֶע אִיד' אוּן אַ צְוַוייטֶער אִיז בַּיי אִים פָּסוּל וּמְפוּסָל וֶועלְן דִי קִינְדֶער מַאכְן אַ צַד הַשָּׁוֶה אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גוּט רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיז זֵיי וֶועלְן לֵייקֶענֶען אִין אַלְצְדִינְג.

דוּ קֶענְסְט דָאךְ אַוַדַאי דֶעם סִיפּוּר וָואס מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט
ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ חֲסִידוּת בִּכְלַל אוּן צוּם רֶבִּי׳ן בִּפְרַט, נָאכְדֶעם וָואס זַיין שְׁוֶוער הָרַב הַגָּאוֹן הַמְפוּרְסָם רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה פְלֶעגְט כְּסֵדֶר חוֹזֵק מַאכְן פוּן חֲסִידִים. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ אוּן הָאט גֶעדִינְט אַלְס רָב אִין דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט אִין אוּקְרֵיינָא: שַׁארִיגְרַאד, קְרֶעמְנִיץ אוּן מָאהִלִיב. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: ״דַיין שְׁוֶוער אִיז אַ צַדִּיק״, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּכְ׳ל פוּן מֶעזִיבּוּזְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט אוֹיף אִים: ״וואוּ עֶר גֵייט, גֵייט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא מִיט מִיט אִים״; מִיט דֶעם אַלֶעם פְלֶעגְט עֶר הָאבְּן אַ מִנְהָג אַז יֶעדְן טָאג הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה מִיט אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידֶעמֶער, זִין אוּן טֶעכְטֶער, אוּן גֶערֶעדְט צוּ זֵיי קֶעגְן חֲסִידִים, ווַייל עֶר - דֶער גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, רֶבִּי דָוִד צְבִי - הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס׳ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ אִים אוּן צוּגֶעזֶען זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵיין זַאךְ הָאט אִים אָבֶּער זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי דִי חֲסִידִים דָארְט רֶעדְן מִיט גֶעשְׁפֶּעט אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מִיכְל מִזְלָאטְשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר בַּיי זִיךְ גֶעטְרַאכְט: ׳לָאמִיר פָארְן צוּ דֶעם צַדִּיק׳, וֶוען עֶר הָאט צוּגֶעזֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוּבֶער הָאט עֶר בַּיי זִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז דִי עֲבוֹדָה גֶעפֶעלְט אִים, אָבֶּער עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעאַרְט

אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אוֹיף רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט פַּארְוָואס מֶען דַארְף רֶעדְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְווֵייטְן; אֵיינֶער הַאלְט פוּן דֶעם צַדִיק, אָדֶער אֵיינֶער אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן דֶעם צַדִיק, פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ אַוֶועק מַאכְן דֶעם אַנְדֶערְן וֶועג?! אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע, פַּארְוָואס מַאכְסְטוּ חוֹזֵק פוּן זֵיי?! הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ צַד הַשָּׁוֶה אוּן מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז בֵּיידֶע זֶענֶען נִישְׁט; דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט עֶר זָאל רֶעדְן אוּן אָנְוָוארֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידֶעמֶער אַוֶועק צוּ שְׁטֵיין פוּן חֲסִידִים.

**דָאס** וֶועט גֶעשֶׁען בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן טָאג אוּן נַאכְט קֶעגְן דֶעם אוּן יֶענֶעם, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַז דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן מַחְלִיט זַיין וָואס רֶבִּי נָתָן'ס שְׁוֶוער הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אוּן זֵיי וֶועלְן חַס וְשָׁלוֹם אַלֶעם אָפְּלָאזְן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, יֶעצְט שַׁבָּת זָכוֹר מֶעק אוֹיס עֲמָלֵ"ק, לָאז דִיךְ אָפּ פוּן דִי כְּלוֹמַר'ישֶׁע מִצְוֹת וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם רֶעדְט דִיר אַיין: 'עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ רֶעדְן אוֹיף אִים', 'עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ קְרִיגְן אוֹיף אִים'; אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ גוּט, פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ וֵויי טוּן אַ צְווֵייטְן?! וָואס דַארְף דִיר אָנְגֵיין וָואס יֶענֶער טוּט?! זַיי קְלוּג; אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף זִיךְ. דָאס לֶעבְן אִיז דָאךְ אַזוֹי קוּרְץ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם.

**דֶער** הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ

וֶועל פַארְרֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז כָאטְשִׁיג מַיין שְׁטָאט וֶועל אִיךְ פַארְרֶעכְטְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ בִּין עֶלְטֶער גֶעוָואְרן הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן מַיין שְׁטָאט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל פַארְרֶעכְטְן מַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ מֶער עֶלְטֶער גֶעוָואְרן הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט קֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ וֶועל בְּלוֹיז פְּרוּבִּירְן מִיר אַלֵיינְס צוּ מְתַקֵן זַיין".

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְּלֶעגְט אַסַאךְ חַזֶר'ן דִי מַעֲשֶׂה מִיט אוּנְז כְּדֵי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט זִיךְ אוּן נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן; עַל פִּי רוֹב דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, זֵיי טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען אַ גַאנְצְן טָאג לָשׁוֹן הָרָע פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן, דִי זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מֶען** דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס לֶעבְּן אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן, וַוייל אַז מֶען טוּט וֵויי אַ אִיד בַּאצָאלְט מֶען נָאכְדֶעם אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זָאלְסְטוּ נָאר רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן, וֶועלְן זֵיי בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**יֶעצְט** וֶוען מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן;

אַז דו הָאסְט אַ שָׁכֵן מִיט וֶועם דו הָאסְט אַ וִכּוּחַ אָדֶער אַ סִכְסוּךְ זָאלְסְטוּ יֶעצְט פּוּרִים אַרוּיפְגֵיין צוּ אִים מִיט אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אוּן זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט אִים, אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ דוּ הָאסְט אֵיינֶער אִין דַיין מִשְׁפָּחָה מִיט וֶועם דו בִּיסְט צוּקְרִיגְט - אַ טַאטֶע, אַ שְׁוֶוער, אַ בְּרוּדֶער, אַ שְׁוָואגֶער וְכַדוֹמֶה - אִיז יֶעצְט פּוּרִים דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מִיט אַ טֶענְצְל.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אָנְוָוארֶענֶען מִיר זָאלְן גוּט ווִיסְן אַז אוֹיבּ מִיר זֶעעֶן אֵיינֶעם שְׁלָאגְן אוּם פּוּרִים - אַז דֶער אִיז נִישְׁט קַיין שִׁיכּוֹר, נָאר אַ רוֹצֵחַ! וֶוען אֵיינֶער הֵייבְּט הֶענְט, שְׁלָאגְט אָדֶער טְשֶׁעפֶּעט אִיז עֶר נִישְׁט קַיין שִׁיכּוֹר נָאר אַ פָּשׁוּט׳עֶר רוֹצֵחַ. אַ שִׁיכּוֹר אִיז דֶער וָואס נֶעמְט אַרוּם יֶעדֶעם מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אַ שִׁיכּוֹר אִיז דֶער וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר! אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טוּן נָאר חֶסֶד מִיט אַלֶע אִידְן״.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן הַארְץ אַרוֹיס. אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא״שׁ בַּיי דִי לְוָיָה צְוֵויי זַאכְן: אֵיינְס, אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט מַחֲלֹקֶת. צְוֵוייטְנְס, אַז אִיךְ וֶועל אִים מְפַרְסֵם זַיין פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; גֶעלוֹיבְּט

דעם אייבערשטן אז ביידע זאכן בין איך מקיים און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועל איך ווייטער אנהאלטן די הבטחה.

תלמידי היכל הקודש דארפן זיך ליב האבן איינער מיט'ן צווייטן; יעדער איינער איז בארעכטיגט צו האבן זיין דעה און יעדער איינער זאל נעמען זיין חיזוק פון וואו ער שפירט אז ער באקומט חיזוק, אבער מען דארף זיך נישט פיינט האבן. תלמידי היכל הקודש זענען ערליכע אידן, אזוי ווי מוהרא"ש זאגט (ארך אפים, פרק ה) אז תלמידי היכל הקודש זענען די צדיקי הדור וואס לעבן מיט'ן אייבערשטן; דארף מען זיך ליב האבן איינער מיט'ן צווייטן און קוקן גוט אויף א צווייטן.

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט פאר זיין תלמיד רבי נחמן טולטשינער זכרונו לברכה: "אן ערליכער איד איז זייער שווער צו זיין, לאמיר כאטש ליב האבן אן ערליכער איד, לאמיר כאטש מקנא זיין אן ערליכער איד און נישט קריגן אויף אים"; ווייל ווען א מענטש וויל זיין אן ערליכער איד און ער קוקט ארויף ערליכע אידן, דאס אליינס וועט אים צוברענגען אז ער זאל אויך זיין אן ערליכער איד.

דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן (שיחות הר"ן, סימן קיט): "עס איז א גרויסע מדריגה, ווען א מענטש זעט אז ער האט נאכנישט מצליח געווען צו זיין ערליך און הייליג, אז ער זאל פארגינען א צווייטן איד ער זאל זיין

עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג״; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גֶעפִּיל צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶר הָאט לִיבּ אַ תַּלְמִיד חָכָם, דָאס אַלֵיינְס וֶועט אִים צוּבְּרֶענְגֶען אַז עֶר זָאל זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.**

**אִיךְ** שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו פַּאר דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר עֶס אִיבֶּער פַּאר שַׁבָּת.

## ח

## בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, זָכוֹר, ח׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**דִי** וָואךְ שַׁבָּת אִיז ״שַׁבָּת זָכוֹר״ וָואס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, מִיר הָאבְּן דֶעם שַׁבָּת אַ מִצְוָה אוֹיסְצוּמֶעקְן עֲמָלֵק.

**בְּנוֹגֵעַ** אוֹיבּ פְרוֹיעֶן דַארְפְן הֶערְן פַּרְשַׁת זָכוֹר; עֶס זֶענֶען דָא פְּרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין שׁוּל הֶערְן פַּרְשַׁת זָכוֹר, ווידֶערְאוּם זֶענֶען דָא פְּרוֹיעֶן וָואס קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ גֵיין אִין שׁוּל, פַארְלָאזְן זֵיי זִיךְ אוֹיף פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען גֵייט הֶערְן דִי מְגִילָה, וָואס דֶעמָאלְט קֶען מֶען קוּמֶען אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר אוּן הֶערְן וִוי דֶער בַּעַל קוֹרֵא לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן וַיָּבֹא עֲמָלֵק.

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵ"ק דוּרְךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה; עֲמָלֵ"ק בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ קַאלְטְקֵייט אִינֶעם מֶענְטְש, אַזוֹי וִוי בַּיי עֲמָלֵ"ק שְׁטֵייט (דְּבָרִים כה, יח): "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ"; טַייטְשְׁן דִי צַדִיקִים, אַז עֲמָלֵק קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְש אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים מַחֲשָׁבוֹת אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל.

**אוֹיף** דֶעם זֶענֶען דָא דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הַאלְטְן מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵ"ק, זֵיי זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין אוּנְז אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, נָאר אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין יֶעדֶע זַאךְ - אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט נִישְׁט צוּ בֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם קַיין טוֹבוֹת - נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס בֶּעטְן פוּן אֵיינֶעם הָאט עֶר קוֹדֶם גֶעזָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער" אוּן נָאכְדֶעם מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן וְכוּ'?" יֶענֶער הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר בֶּעט דָאס פוּן אִים, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט צוּם

אײבערשטן. אײנמאל איז ער געגאנגען קויפן מילך און די מילך איז געלעגן בײ די פלאץ וואו דער געשעפטס מאן איז געשטאנען און ער האט דאס געדארפט בעטן פונעם געשעפטס מאן, האט זיך מוהרא"ש אנגערופן - אזוי װי שטענדיג: "אײבערשטער, קענסט מיר געבן א פלעשל מילך?" דער געשעפטס מאן קוקט אויף מוהרא"ש מיט גרויסע אויגן און פרעגט אים: "וואס זאגסטו?..." האט זיך מוהרא"ש גלײך געכאפט אז ער האט פארגעסן צו זאגן דאס ווארט 'אײבערשטער' שטילערהײט; עד כדי כך האט ער זיך צוגעוואוינט צו רעדן שטענדיג נאר צום אײבערשטן.

**אזוי** זאלט איר טון, יעדע זאך וואס איר דארפט זאלט איר נאר בעטן דעם אײבערשטן; בפרט ווען איר צינדט ליכט זאלט איר בעטן אלע אײערע בקשות. עס זענען דא פרויען וואס זאגן תחנות בשעת הדלקת הנרות; עס זענען דא פרויען וואס בײ זײ פירט מען זיך צו זאגן א ספעציעלע קאפיטל תהלים און עס זענען דא פרויען וואס זאגן בכלל נישט קײן תחנות וכו', נאר זײ בעטן דעם אײבערשטן אויף זײער אײגענע שפראך; יעדער זאל זיך פירן מיט זײנע מנהגים, אבער ווען איר ענדיגט זאגן אײערע תחנות וכו' לײגט ארויף די הענט אויף אײערע אויגן און בעטס דעם אײבערשטן אויף אײער שפראך אלעס וואס איר דארפט - וועט איר זען א ישועה.

**רבי** נתן זכרונו לברכה האט געבעטן זײן װײב און טעכטער אז ווען זײ צינדן אן די שבת לעכט זאלן זײ בעטן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וְוִי אִיךְ צִינְד אָן דִי שַׁבָּת לֶעבְּט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דָא אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אַלֶע אִידְן דִי לִיכְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאלְט אִיר אוֹיךְ בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וְוִי אִיךְ צִינְד אָן דִי שַׁבָּת לֶעבְּט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג אַזוֹי זָאלְסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אַלֶע אִידְן. הֶעלְף אַרוֹיס אַלֶע וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט שְׁוֶועריקַייטְן, מַאךְ לִיכְטִיג פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, וְכוּ' וְכוּ'".

**אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

## ט

### זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה-זָכוֹר, י' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**דֶער** שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, שַׁבָּת זָכוֹר, וֶוען מִיר גֵייעֶן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק; זָאלְסְטוּ זֶען צוּ קוּמֶען דַאוֶוענֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, זָאלְסְט זַיין בַּיים לֵיינֶען אוּן אוֹיסְהֶערְן דָאס לֵיינֶען כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה פוּן מְחִיַּית עֲמָלֵק.

**בְּנוֹגֵעַ** פְרוֹיעֶן; עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין שׁוּל הֶערְן פַּרְשַׁת זָכוֹר, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ גֵיין אִין שׁוּל, זֵיי פַארְלָאזְן זִיךְ

אויף פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי וֶוען זַיי קוּמֶען אִין שׁוּל הֶערְן דִי מְגִילָה, דֶעמָאלְט לֵיינְט דֶער בַּעַל קוֹרֵא דִי פַּרְשָׁה פוּן וַיָּבֹא עֲמָלֵק.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן עֲמָלֵק, פוּן דִי סְפֵיקוֹת וָואס עֲמָלֵק בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז; עֲמָלֵק אִיז בְּגִמַטְרִיָּא סָפֵק, עֲמָלֵק בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ סְפֵיקוֹת: 'וֶועל אִיךְ נָאךְ הָאבְּן אַ תַּקָּנָה?' 'קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?' 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר?'

**אַזוֹי** אוֹיךְ זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי קְדוּשָׁה פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וָואס אִיז גֶעזֶעצְן שְׁטֶענְדִיג בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ, עֶר אִיז גֶעוֶוען דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**פּוּרִים** נָאכְמִיטָאג וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה אוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים וֶועט אוֹיךְ זַיין אַ סְעוּדָה מִיט אַ פָארְשְׁטֶעלוּנְג פוּן אֵיינֶע פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס מַעֲשִׂיוֹת.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

# עִנְיָן תַּעֲנִית אֶסְתֵּר

## י

### יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוּט אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת צַו, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, י"ג אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (סֵפֶר יְסוֹד יוֹסֵף, פֶּרֶק א): "יוֹם זֶה מְסוּגָּל מְאֹד לְהַזְכִּיר זְכוּת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר, וְכָל מִי אֲשֶׁר צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ רַחֲמִים עַל אֵיזֶה דָּבָר שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל עָלָיו, יִקַּח פְּנַאי לְעַצְמוֹ בְּיוֹם זֶה שֶׁל הַתַּעֲנִית אֶסְתֵּר, וַיֹּאמַר תְּחִילָּה מִזְמוֹר עַל אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר (תְּהִלִּים, כב), שֶׁדָּרְשׁוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל אֶסְתֵּר, וְאַחַר כַּךְ יַעֲרוֹךְ תְּפִלָּתוֹ עַל בַּקָּשַׁת צְרָכָיו, וְיִזְכֹּר זְכוּתָם שֶׁבִּזְכוּתָם יֵעָתֵר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּרוּךְ הוּא, וְיִפְתַּח שַׁעֲרֵי רַחֲמִים לִתְפִלָּתוֹ", וֶוער עֶס דַארְף אַ יְשׁוּעָה זָאל זָאגְן קַאפִּיטְל כ"ב אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר וויל, אוֹיךְ זָאל עֶר דֶערְמַאנֶען מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אוּן עֶר וֶועט עֶר זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**דֶערְפַאר** זֶע אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם טָאג מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה; אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט פַארְיָאגְט מִיט דַיינֶע עִנְיָנִים אוּן דוּ דַארְפְסְט עֶרְלֶעדִיגְן טוֹיזְנְט זַאכְן, דָאךְ כַאפּ אַרוֹיס אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען קֶען זיךְ נִישְׁט פַּארְשְׁטֶעלְן וָואס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוּט אוֹיף, בִּפְרַט אַז אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה און עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:): "אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָיְתָה עוֹמֶדֶת מֵחֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְטוֹבֶלֶת, וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְּכַי", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, עֶר לִיגְט שׁוֹין אִינֶעם שׁוֹיס פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, דָאס הֵייסְט עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן וְכוּ' וְכוּ', זָאל עֶר טוּן וָואס אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאט גֶעטוּן: "טוֹבֶלֶת" - גֵיי אִין מִקְוֶה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה, "וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְּכַי" - און לוֹיף צוּ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר אִיז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וָואס אִיז מַכְנִיעַ עֲמָלֵק אִין יֶעדְן דוֹר, הֶער דֶעם קוֹל וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרֵייט: "גְיִוַואלְד, קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען!" נָאר יֶעדֶער קֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און יֶעדֶער קֶען אָנְהֵייבְּן פוּנְדֶאסְנֵיי.

**אַז** מֶען הֶערְט אַזאַ דִיבּוּר מֵיין אִיךְ אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע פּוּרִים, וַוייל דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס דוּ גֵייסְט אַרוּם צֶעבְּרָאכְן אִיז נָאר וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם בְּרֶענְגְט דִיר שְׁטֶענְדִיג אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דוּ זָאלְסְט טְרַאכְטְן

אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן, עֶר זָאגְט דִיר: 'דוּ וֶועסְט שׁוֹין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד נִישְׁט זַיין וְכוּ' וְכוּ'', אָבֶער אַז מֶען זֶעט אַזַא גְמָרָא, אַז אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרָאפּ אַזוֹי גֶעמֵיין קֶען מֶען נָאכְאַלְץ זוֹכֶה זַיין צוּ תְשׁוּבָה אוּן צוּ זַיין בַּיי מָרְדְכַי הַצַדִיק, וֶוערְט מֶען שׁוֹין פְרֵיילִיךְ.

קוּק דִי חֶסֶד וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אוּן דוּ בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין פְּלַג גוּף, גֶעדֶענְק וִוי דוּ הָאסְט צַאם גֶעוֵויינְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ בָחוּר אַז דוּ ווילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער?!

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים פְלֶעגְן יֶעדְן טָאג - וֶוען זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּפְרִי - דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט.

גֶעדֶענְק וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ גוּטְס".

**אַ גוּטְן טָאג אוּן אַ גְרִינְגֶע תַּעֲנִית.**

# יא

## אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - וֶוערְן אַלֶע צָרוֹת אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י"א אֲדָר, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**הַיינְט** אִיז 'תַּעֲנִית אֶסְתֵּר' - אַ תַּעֲנִית צִבּוּר; דֶער טַעַם אִיז צוּ וַוייזְן אַז וֶוען אַ אִיד הָאט אַ צָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**יֶעדְן** טָאג אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס אִיז דָא טֶעג וָואס עֶס אִיז מְסוּגָל מֶער ווִי אַנְדֶערֶע צַייטְן; הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים (יְסוֹד יוֹסֵף, פֶּרֶק א) אַז אִין דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זָאל מֶען זָאגְן דֶעם קַאפִּיטְל וָואס אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאט גֶעזָאגְט וֶוען זִי אִיז אַרַיין צוּ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, זִי הָאט גֶעזֶען אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס אוּן זִי הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, הָאט זִי אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זָאגְן דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים, כב): "קֵלִי קֵלִי לָמָה עֲזַבְתָּנִי" (עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז זִי אַלֵיינְס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם קַאפִּיטְל), אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זִיךְ אוֹיסגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וֶועט מֶען זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

**דֶער** מִנְהָג אִיז אַז מֶען גֶעבְּט אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַאר צְדָקָה וָואס דָאס אִיז אַ זֵכֶר לַמִּקְדָּשׁ; ווַייל וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען הָאט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל אוּן דָאס אִיז גֶעגַאנְגֶען פַאר דִי קָרְבָּנוֹת,

אָבֶער הַיינְט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גֶעבְּן מִיר אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַאר צְדָקָה.

דֶער מִנְהָג אִיז אַז מֶען גֶעבְּט דְרֵיי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ; פַאר זִיךְ, אוּן אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט גֶעבְּט מֶען פַאר דִי וַוייבּ אוֹיךְ דְרֵיי הַאלְבֶּע דָאלֶערְס, אוּן פַאר יֶעדְן קִינְד. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַלֶע מַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים וָואס וואוֹינֶען דָא אוּן דִי וָואס וואוֹינֶען אִין בָּארָא פַּארְק אָדֶער אִין קִרְיַת יוֹאֵל, מֶען זָאל הַיינְט גֶעבְּן דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל דַּיְיקָא אִין דִי שׁוּל וואוּ מֶען דַאוְונְט, אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: "יוֹאֵל, אִיךְ זֶע אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן נָאר טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן שׁוּל אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג וְכוּ' וְכוּ', וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בַּאצָאלְן דִי לֶעקְטֶער אָדֶער דִי רֶענְט אִיז קֵיינֶער נִישְׁט דָא דִיר צוּ הֶעלְפְן; אַ גַאנְצֶע וָואךְ וֶוען דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ - אַזוֹי זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ - טְרַאכְט קֵיינֶער נִישְׁט פוּן דִיר, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן דִי בִּיזְנֶעס אִיז פַארְמַאכְט, טְרֶעט מֶען אוֹיף דַיינֶע נֶערְוְון". אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן וְכוּ' (בַּיי אַ צְווייטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט וֶועל אִיךְ שְׁרַייבְּן דֶערְוֶועגְן). זֶעט מֶען אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל אַז דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ זָאל מַצְלִיחַ זַיין דַארְף יֶעדֶער צוּלֵייגְן אַ הַאנְט אוּן מְחַזֵק זַיין דִי גַבָּאִים; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ חֵלֶק אִין בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען.

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"ש, אַז אִין אוּמַאן וָוען מֶען פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר קִמְחָא דְפִסְחָא, וָוען אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ גֶעבְּן, הָאט מֶען אִים גְלַייךְ פַארְשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי לִיסְט פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען דַארְף זֵיי גֶעבְּן קִמְחָא דְפִסְחָא אוּן וָוען יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין נִצְרָךְ", הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אָדֶער גֶעבְּסְטוּ אָדֶער נֶעמְסְטוּ". דָאס זֶעלְבֶּע בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, עֶס קוּמְט פוּרִים אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער טֵיילְן צְדָקָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְנוּמֶען רוֹב טָאג צוּ גֵיין מִיט דִי מִשְׁפָּחָה שִׁיקְן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַאר דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', דָאךְ קֶען מֶען אוֹיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן צַייט אַבִּיסְל צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט גֵיין אַבִּיסְל נָאךְ גֶעלְט, "אָדֶער פַאר דִיר, אָדֶער פַאר מִיר"; "אָדֶער גֶעבְּסְטוּ, אָדֶער נֶעמְסְטוּ".

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אַ בּוּשָׁה אִיז צוּ זַיין אַ "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם" (תְּהִלִּים לז, כא); אַז מֶען זֶעט אַז מֶען קֶען נִישְׁט דֶעקְן דִי חוֹדֶשׁ'לִיכֶע הוֹצָאוֹת, בִּפְרַט יֶעצְט פַאר פֶּסַח וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב, מֶען דַארְף מַצוֹת, וַויין פַאר ד' כּוֹסוֹת, פִישׁ אוּן פְלֵייש, קְלֵיידֶער פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן קוּים וָואס מֶען קֶען דֶעקְן יֶעדֶע וָואךְ - זָאל מֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף נִישְׁט וֶוערְן אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת, וָוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט דַארְף מֶען נִישְׁט וֶוערְן אוֹיס מֶענְטְשׁ אוּן נָאכְלוֹיפְן

עֲשִׁירִים, נָאר מֶען זָאגְט: "אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר אַן אָרִימֶע מִשְׁפָּחָה", ווילְסְטוּ גֶעבְן אִיז גוט, און אַז נִישְׁט אִיז נָאךְ בֶּעסֶער. עֶס אִיז סַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע בּוּשָׁה צוּ זַיין אַ גַּנָּב אָדֶער צוּ נִיצְן קְרֶעדִיט קַארְד'ס און זַיין אָנְגֶעזֶעצְט פון קָאפּ בִּיז פִּיס.

**אויב** דוּ הָאסְט שֶׁפַע און דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִיר, בֶּעט אִיךְ דִיר אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר מִיר; נִישְׁט פַאר מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ, נָאר פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד. עֶס קוּמְט יֶעצְט פֶּסַח און אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן פַאר אַלֶע מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס און אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וָואס זֵיי אַרְבֶּעטְן אַזוֹי גֶעטְרֵייא און אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. אֵין הַקּוֹמֶץ מַשְׂבִּיעַ אֶת הָאֲרִי, וְאֵין הַבּוֹר מִתְמַלֵּא מֵחוּלְיָיתוֹ - דִי הוֹצָאוֹת דֶעקְן זִיךְ נִישְׁט פון שְׂכַר לִימוּד; אֲפִילוּ אַלֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד וָואלְטְן מִיר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת, כׇּל שֶׁכֵּן אַז נִישְׁט יֶעדֶער צָאלְט און מוֹהֲרָא"ש הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ תַּקָּנָה פַאר מִיר אַז אִיךְ טָאר נִישְׁט קוּקְן צִי דִי עֶלְטֶערְן צָאלְן יָא צִי זֵיי צָאלְן נִישְׁט; אַזוֹי וִוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט, און הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט, אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַהֵיים שִׁיקְן אַ קִינְד אוֹיבּ מֶען צָאלְט נִישְׁט, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נְדָרִים פא.): "הִזָּהֲרוּ בִּבְנֵי עֲנִיִּים, שֶׁמֵּהֶן תֵּצֵא תוֹרָה".

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ פְרֵייליכֶע לוּפְט, אַ פְרֵייליכֶע אַטְמָאסְפֶער; וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - וֶוערְן אַלֶע צָרוֹת אוֹיס.

מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז מֶען זָאל גֵיין לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ אִין שְׁפִּיטָאל צוּ טוּן דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים לט:): אָמַר רַב: ״כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִיצוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנָּם״, וֶוער עֶס אִיז מְבַקֵּר חוֹלֶה וֶוערְט נִיצוֹל פוּן גֵיהִנוֹם; מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז חוּץ דִי מִצְוָה וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים בַּיים בַּאזוּכְן אַ חוֹלֶה, וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶר וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט, יֶעדֶער הָאט זִיךְ אַ פֶּעקְל צָרוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קיט): ״שֶׁכָּל בְּנֵי הָעוֹלָם כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים, וְאֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַזֶּה, וַאֲפִלּוּ הָעֲשִׁירִים הַגְּדוֹלִים אֵין לָהֶם שׁוּם עוֹלָם הַזֶּה כְּלָל״, עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶועם מְקַנֵּא צוּ זַיין אוּן וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן אִיז אַ פָּשׁוּט'עֶר שׁוֹטֶה, וַוייל וֶוען דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס יֶענֶער מַאכְט מִיט - וָואלְסְטוּ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעם וָואס דוּ הָאסְט.

יָארְן צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶועזְן אַ מְלַמֵּד; קִינְדֶער נַאטוּרְלִיךְ שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס זֵיי טְרַאכְטְן, מֶען קֶען הֶערְן פוּן זֵיי פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי זֵייעֶר מֹחַ אַרְבֶּעט. פְלֶעג אִיךְ הֶערְן זֵייעֶר אַסַאךְ וִוי קִינְדֶער רֶעדְן זִיךְ אוֹיס צוּ מִיר אַז זֵיי זֶענֶען מְקַנֵּא דֶעם אוּן דֶעם אִינְגְל, זֵיי

פְלֶעגְן זָאגְן: "אַ שָׁאד אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין מַיין חַבֶר'ס הויז, עֶר הָאט אַזַא גוּטֶע טַאטֶע, דֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע מַאמֶע, דֶער הָאט אַלֶעס וְכוּ' וְכוּ'". פְלֶעג אִיךְ זֵיי מַסְבִּיר זַיין אַז בֶּעסֶער ווִי דוּ הָאסְט - קֶען נִישְׁט זַיין, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶער וֶועלְט אוּן פִּירְט יֶעדֶע זַאךְ, דָאס זָאגְן מִיר אִין דֶעם עֶרְשְׁטְן אֲנִי מַאֲמִין: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים. וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", אוּן דָאס דַארְף מֶען הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן.

**דָאס** זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן אַז אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן חַזֶר'ן: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל. וְאֵין רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל לְזוּלָתוֹ". עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אוּן עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן עֶר זֶעט נִיסִים גְלוּיִים; דָאס זִינְגֶען מִיר פּוּרִים: "לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קֹוֶיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ, וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ", אוּן מֶען זִינְגְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "לְהוֹדִיעַ, לְהוֹדִיעַ, לְהוֹדִיעַ..." ווַייל מֶען ווִיל אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין וָואס זִינְגְט דֶעם נִיגוּן (אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט אִין אַרַאמִישׁ: "קַרְיָינָא דְאִיגַרְתָּא אִיהוּ לֶיהֱוֵי פַּרְוַונְקָא") - זָאל דָאס אַרַיינְנֶעמֶען בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ: שֶׁכָּל קֹוֶיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ - אַלֶע וָואס הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן אֱמוּנָה וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה, זֵיי וֶועלְן

נישט פארשעמט ווערן, וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ - און אלע וואס בעטן דעם אייבערשטן וועלן זוכה זיין צו אלעם גוטס.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זאגט (תְּהִלִּים מב, יא): "בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹקֶיךָ", זיינע שונאים פלעגן אים כסדר טשעפען און שטעכן מיט שפיז ווערטער, זיי פלעגן אים פרעגן יעדן טאג: דוד המלך, דו ביסט דאך פארנומען צו רעדן פונעם אייבערשטן מיט יעדן איינעם, פאר יעדן איינעם זאגסטו אז מען זאל נאר רעדן צום באשעפער, "אַיֵּה אֱלֹקֶיךָ" - פארוואס ווערסטו נישט געהאלפן?! אבער דוד המלך האט ווייטער געגלייבט אינעם אייבערשטן און צו זיך געזאגט: "מַה תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה תֶּהֱמִי עָלָי, הוֹחִילִי לֵאלֹקִים", פארוואס ביסטו אזוי צוגעלייגט און צעבראכן? האף צום היילגן באשעפער; דאס איז וואס א מענטש דארף טון, ווייטער האפן צום אייבערשטער, ווייטער מתפלל זיין אוןווארטן אויף די ישועה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאגן (בְּרָכוֹת לב:): וואס זאל א מענטש טון אז ער האט געבעטן דעם אייבערשטער און ער האט נאכנישט געזען א ישועה? ער זאל נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה'".

**א גוטן טאג.**

# יב

## ווי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶער אַיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ דִי לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' כִּי תִשָּׂא, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשע"ה לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז אַ פַּאסְט טָאג; מִיר פַּאסְטְן כְּדֵי צוּ וַוייזְן אַז וֶוען אַ אִיד הָאט אַ צָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס תְּפִלָּה אִיז; אַלֶעס קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן מִיט תְּפִלָּה. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, נָאר אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין יֶעדֶע זַאךְ - אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַּארְשְׁטֶעלַאכְץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר הָאט אַ צָרָה וֶוענְדְט עֶר זִיךְ נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז עֶר זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט נִישְׁט צוּ בֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם קַיין טוֹבוֹת - נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס בֶּעטְן פוּן אֵיינֶעם הָאט עֶר קוֹדֶם גֶעזָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער" אוּן נָאכְדֶעם מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן וְכוּ'?"

יֶענֶער הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר בֶּעט דָאס פוּן אִים, אָבֶער בֶּאֱמֶת הָאט עֶר נָאר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֵיינְמָאל אִיז מוֹהֲרָא"ש גֶעגַאנְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְט קוֹיפְן מִילְךְ, דִי מִילְךְ אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער דֶעם פְלַאץ וואוּ דֶער גֶעשֶׁעפְטְס מַאן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן מוֹהֲרָא"ש רוּפְט זִיךְ אָן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קֶענְסְט מִיר גֶעבְן אַ פְלֶעשְׁל מִילְךְ?" דֶער גֶעשֶׁעפְטְס מַאן קוּקְט אוֹיף מוֹהֲרָא"ש מִיט גְרוֹיסֶע אוֹיגְן אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס זָאגְסְטוּ?..." הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"ש גְלַייךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן דָאס וָוארְט 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' שְׁטִילֶערְהֵייט; עַד כְּדֵי כַּךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זֶעט אִין דִי מְגִילָה אַז וֶוען אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט גֶעפְרֶעגְט אֶסְתֵּר: "וֶוער אִיז דֶער וָואס וויל דִיר אוּמְבְּרֶענְגֶען?" הָאט אֶסְתֵּר גֶעזָאגְט (אֶסְתֵּר ז, ו): "אִישׁ צַר וְאוֹיֵב הָמָן הָרָע הַזֶּה", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מְגִילָה טז.) אַז אֶסְתֵּר הָאט גֶעווִיזְן אוֹיף אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ: 'דוּ בִּיסְט דֶער רָשָׁע וָואס וויל אוּמְבְּרֶענְגֶען דִי אִידְן!' אִיז גֶעקוּמֶען אַ מַלְאָךְ אוּן אַוֶועק גֶעדְרֵיידְט אִיר הַאנְט צוּ הָמָן אוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִי זָאגְט עֶס אוֹיף הָמָן; אַלֶע מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן, לִכְאוֹרָה אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אֶסְתֵּר הָאט דָא גֶעטוּן, זִי הַאלְט דָאךְ יֶעצְט אִינְמִיטְן רֶעדְן צוּ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אַלֵיינְס?! נָאר אֶסְתֵּר הָאט זִיךְ אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ וֶוען זִי הָאט גֶערֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן - הָאט זִי גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּשְׁעַת אִיר הִתְבּוֹדְדוּת וֶוען זִי

הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רָשָׁע אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וויל אוּנְז הַרְגְ'עֶנֶען און זי הָאט זיךְ פַארְגֶעסְן אַז זִי רֶעדְט צוּ אִים, בִּיז דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעדַארְפְט אַוֶועק דְרֵייעֶן אִיר הַאנְט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר דֶערְצֵיילְט פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דְרוּקְט אִים און אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים, שְׁפִּירְט מֶען שׁוֹין אוֹיף דֶער וֶועלְט דָאס גֶעשְׁמַאק פוּן עוֹלָם הַבָּא. דֶער מֹחַ וֶוערְט רֵיין און לוֹיטֶער און מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס פַּאסִירְט חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל ווי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווערְט מֶער אַיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ דִי לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה; מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל אוֹיךְ הֶערְן דִי מְגִילָה; פְרוֹיעֶן זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב מִיט קְרִיאַת הַמְגִילָה וַוייל זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה פוּן הָמָן (מְגִילָה ד.) און זֶענֶען גֶעראַטֶעוֶועט גֶעוָוארְן; אוֹיבּ דוּ הָאסְט גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זיךְ אַיינְטֵיילְן מִיט דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין אִין שׁוּל הֶערְן דִי מְגִילָה, אָדֶער זָאלְסְטוּ לֵיינֶען דִי מְגִילָה פַאר דַיין וַוייבּ אִין שְׁטוּבּ (פַארְשְׁטֵייט זיךְ אַז מֶען דַארְף קֶענֶען גוּט דִי עִבְרִי, אַז נִישְׁט אִיז מֶען נִישְׁט יוֹצֵא). מֶען קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס שְׁטֶערְן דִי גַאנְצֶע שׁוּל פוּן יוֹצֵא זַיין דִי מְגִילָה.

פּוּרִים נָאכְמִיטָאג וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים. נָאכְדֶעם וֶועט מֶען טַאנְצְן

צוּזַאמֶען, מִיר וֶועלְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז. אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן הָמָן - פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס וִויל אוּנְז נָאר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן.

**זֶע** צוּ קוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן צוּזַאמֶען אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין מִתְנַגְדִים אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן מִיר רַייסְן נִישְׁט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, כָּל שֶׁכֵּן אַז מִיר הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן.

**פּוּרִים** אִיז אַ צַייט פוּן "מִשְׁפָּחָה וּמִשְׁפָּחָה" (אֶסְתֵּר ט, כח); אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיין וַוייבּ וואו צוּ גֵיין פּוּרִים וְכוּ' וְכוּ', נָאר זֵיי מְוַתֵּר אוּן גֶעבּ נָאךְ וְכוּ'. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל נָאר אַז מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן; זַיין זַאךְ אִיז וֶוען עֶר קֶען מַאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמֶען הֵיילִיגֶע טֶעג זוּכְט עֶר נָאר ווִי עֶר קֶען מַאכְן אַ מַחֲלֹקֶה, זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ הִיטְן דֶערְפוּן וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה, שָׁם הַשָּׂטָן".

**זָאלְסְט** זֶען אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם טָאג פַאר שָׁלוֹם; זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן אוּן זֶע צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען אִידְן קְרִיגְן זִיךְ, מַחֲלֹקֶת אִיז אַ זַאךְ וָואס אַלֶע דֶערְלֵייגְן דֶערְפוּן. יֶעדֶער וָואס הָאט שַׁיְיכוּת מִיט מַחֲלֹקֶת צָאלְט אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן קָאפּ זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם אוּן זֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייךְט אִין אַ קְרִיגֶערֵיי.

**פּוּרִים** אִיז אַ טָאג פוּן תְּפִלָּה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה א, ד): "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד - נוֹתְנִים לוֹ", וָואס אַ אִיד בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים - גֶעבְּט מֶען אִים; דָאס הָאט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה זָאל עֶר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף זַיין צָרָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יב:): "תָּנָא כֻּלָּן עַל שְׁמוֹ נִקְרְאוּ", מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיט אַסַאךְ נֶעמֶען: "בֶּן יָאִיר", וַוייל עֶר הָאט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט זַיינֶע תְּפִילוֹת; "בֶּן שִׁמְעִי", וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט זַיינֶע תְּפִילוֹת; "בֶּן קִישׁ", עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בֶּן קִישׁ, וַוייל קִישׁ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן קְלַאפְּן, "שֶׁהִקִּישׁ עַל שַׁעֲרֵי רַחֲמִים וְנִפְתְּחוּ לוֹ", עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיף דִי טִירְן אוֹיבְן אִין הִימְל מֶען זָאל אִים עֶפֶענֶען, מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי אִידְן - אוּן מֶען הָאט אִים גֶעעֶפֶענְט.

**אסאך** מאל שפירט א מענטש ווי אלעס איז שוין פארמאכט, אלע טויערן אין הימל זענען פארמאכט פאר אים און די גזירה איז שוין גע'חתמ'עט; מיט דעם אלעם טאר מען נישט אויפגעבן, מען דארף געדענקען וואס מרדכי הצדיק האט געטון ווען די גזירה פון המן הרשע איז נגזר געווארן, "שהקיש על שערי רחמים ונפתחו לו", ער האט געקלאפט אויף די טירן פון הימל ביז מען האט אים געעפנט.

**מוצאי** שבת איז דא אין ישיבה א שושן פורים סעודה, זע צו קומען מיט דיין ווייב און קינדער זיך מחזק זיין מיט'ן היילגן רבינ'ס עצות.

**א גרינגע תענית, א פרייליכן ליכטיגן פורים און א שמחת תמיד.**

**איך** שרייב דיר א בריוו פאר דיין ווייב, געב איר דאס איבער נאך פאר פורים.

## יג

### די מעשה פון די מגילה איז זייער מחזק צו בעטן שטענדיג דעם אייבערשטן אלעס וואס מען דארף

בעזרת ה' יתברך - יום ד' כי תשא, י"ג אדר, תענית אסתר, שנת תשע"ה לפרט קטן

מרת ... תחי'

**מיר** שטייען שוין פאר דעם גרויסן טאג פורים; די גאנצע נס פון פורים איז בזכות אסתר המלכה, פון דעם קען

מֶען זֶען צוּ וָואס אַ פְרוֹי קֶען צוּקוּמֶען, אַז אֵיין פְרוֹי קֶען רַאטֶעוֶוען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל. דֶערְפַאר זֶענֶען פְרוֹיעֶן אוֹיךְ מְחוּיָב צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה ד.): "אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי: נָשִׁים חַיָּיבוֹת בְּמִקְרָא מְגִילָה, שֶׁאַף הֵן הָיוּ בְּאוֹתוֹ הַנֵּס", פְרוֹיעֶן זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי נֵס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט זֵיי, וַוייל הָמָן הָרָשָׁע הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְ'הַרְגְ'עֶנֶען אַלֶע אִידְן - מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, אוּן מָרְדְכַי הַצַדִיק הָאט צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן, מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן: "וְנַהֲפֹךְ הוּא", מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הָמָן הָרָשָׁע מִיט זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִילָה אַלֵיינְס אִיז אַ מוֹרָא'דִיג חִיזוּק צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מֶען קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּן, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי גְזֵירָה וָואס הָמָן אוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאבְּן גֶעמַאכְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְזֵירָה וָואס בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע וָואלְט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן, אָבֶּער בִּזְכוּת דִי תְּפִילּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאט זִיךְ עֶס אִיבֶּערְגֶעדְרֵיידְט.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוּט אוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶס מַאכְט אַזַא רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל. בִּפְרַט וֶוען אַ פְרוֹי קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס אִיר הַארְץ, זִי בֶּעט פַאר

אִירֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן נָאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת - דָאס מַאכְט אוֹיבְן אִין הִימְל זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ אִיר גֶעבֶּעט.

**פּוּרִים** אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶער טָאג, פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוּעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. אִיז יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג דַארְפְן מִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אַז מִיר גֵייעֶן מוֹסִיף זַיין קְדוּשָׁה, מוֹסִיף זַיין בִּצְנִיעוּת; אִיךְ פְּרֶעג אַייךְ: "ווִילְט אִיר גוּטֶע קִינְדֶער? ווִילְט אִיר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת?" קוּקְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; וֶוער פוּן אוּנְז דַארְף נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה? יֶעדְנְס הַארְץ אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט וֵוייטָאג, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְרָאכְן אוּן דֶערְשְׁלָאגְן. מֶענְטְשְׁן דַארְפְן פַּרְנָסָה, מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט גֶעזוּנְט, מִיט שִׁידוּכִים, יֶעדְנְס קָאפּ טוּט וֵויי; אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ גֵיין בִּצְנִיעוּת וֶועט אִיר זֶען ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט אַייךְ, מִיט אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער.

**נָאכְדֶעם** וָואס מוֹהֲרָא"ש אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין דִי רֶעבִּיצִין עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם; זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ פוּן אִיר בִּיטֶערֶע מַחֲלָה ה' יְרַחֵם, הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט מִיט אִיר גַאנְצֶע כֹּחַ דִי וֶוערְטֶער:

"אִיךְ בֶּעט דִיר, הַאלְט אָן דִי קְהִילָה; מַיין מַאן וֶועט דִיר נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דִי קְהִילָה וְכוּ'"; אִיךְ בִּין דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען מִיט מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', זִי הָאט גֶעוֵויינְט אוּן מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דִי קְהִילָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט.

דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ בַּארֶערֶעְנֶען ווִי אַזוֹי אִיר גֵייט אָנְגֶעטוּן וְכוּ', וַוייל עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבֶּער. וֶוען אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל ווִיל אִיךְ קֶענֶען וַוייזְן פַּאר מוֹהֲרָא"שׁ ווִי שֵׁיין דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה. עֶס וֶועט מְקוּיָּם וֶוערְן בַּיי אַייךְ וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה י:): "כָּל כַּלָּה שֶׁהִיא צְנוּעָה בְּבֵית חָמִיהָ זוֹכָה וְיוֹצְאִין מִמֶּנָּה מְלָכִים וּנְבִיאִים וְכוּ'", אָמֵן.

אַ שִׂמְחַת תָּמִיד.

## יג

### אויסנוצן ריכטיג דעם טאג פון תענית אסתר

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת צו, תענית אסתר, י"ג אדר ב', שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

**היינט** פאסטן מיר און עס איז א גרויסער טאג; דער היינטיגער טאג איז מסוגל צו פועל'ן גרויסע ישועות.

**עס** ווערט געברענגט פון צדיקים (ספר יסוד יוסף, פרק א) אז ווער עס דארף א ישועה זאל זאגן קאפיטל כ"ב פון ספר תהלים, דערנאך זאל ער בעטן דעם אייבערשטן אז אין זכות פון מרדכי הצדיק און אסתר המלכה זאל ער זוכה זיין צו געהאלפן ווערן, וועט דער אייבערשטער העלפן און ער וועט זיכער קריגן א ישועה.

**מען** טוט זיך אן בגדי שבת פאר מען קומט אין שול דאווענען מנחה-מעריב; פאר מנחה פירט מען זיך צו געבן א מחצית השקל, מען געבט דריי האלבע דאלער'ס פאר יעדן קאפצאל; פאר זיך, פאר די ווייב און פאר די קינדער. זע צו געבן די מחצית השקל אין רבינ'ס בית המדרש, וועט דאס זיין חשוב אזוי ווי דו געבסט דאס אין בית המקדש.

**חכמינו** זכרונם לברכה זאגן (ברכות לג.): "כל אדם שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו", ווער עס האט שכל און ווייסט אז דער אייבערשטער פירט די וועלט

איז ביי אים אזוי ווי דער בית המקדש איז שוין אויפגעבויט; ווער ברענגט אריין אין אונז שכל מיר זאלן וויסן אז דער אייבערשטער פירט די וועלט? דער הייליגער רבי, זאלסטו זען צו געבן דעם מחצית השקל דייקא ביים רבינ'ס שול. נישט נאר דעם מחצית השקל נאר אלע דיינע צדקות און מעשרות זאלסטו געבן פאר'ן הייליגן רבינ'ס פלאץ.

**בשעת** דו געבסט דעם מחצית השקל זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף אונז אידן, מיר זאלן שוין פטור ווערן פונעם יצר הרע; דער מחצית השקל וואס מיר געבן איז מסוגל צו ווערן געראטעוועט פונעם יצר הרע, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדקה, חלק ב', סימן יט): "על ידי נתינת שקלים ניצול מיצר הרע"; בעט:

"רבונו של עולם, אין דעם זכות וואס איך געב דעם מחצית השקל העלף מיר ארויס אז איך זאל געראטעוועט ווערן פונעם יצר הרע, אזוי ווי די רבי זאגט (ספר המדות אות צדקה, חלק ב', סימן יט): "על ידי נתינת שקלים ניצול מיצר הרע", און איך זאל זוכה זיין צו שמירת עינים און שמירת המחשבה.

רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל אלעמאל געדענקען אז איך בין נאר האלב און איך דארף צוקומען צו נאך א איד, איך זאל זוכה זיין צו מבניע זיין די קליפה פון המן עמלק וואס זייער גאנצע זאך איז נאר מחלוקת און זוכה זיין צו אלע ברכות און ישועות וואס קומען אין זכות פון

דִי מִצְוֹת וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים. בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, וּבִזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב, זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ".

**נָאךְ** מַעֲרִיב וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן דִי מְגִלָּה; בִּשְׁעַתְ'ן לֵיינֶען דִי מְגִילָּה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַייט. עֶס אִיז מְסוּגָּל צוּ פּוּעֶלְ'ן אַלֶע יְשׁוּעוֹת - אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער וְכוּ', אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִלָּה ד:): "עֵינֵיהֶם שֶׁל עֲנִיִּים נְשׂוּאוֹת בְּמִקְרָא מְגִלָּה", דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן, וָואס מִיר זֶעהֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן, יֶעדְנְ'ס הַארְץ אִיז פַארְוֵוייטָאגְט, וֶוער דַארְף נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה? אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן רְפוּאוֹת, אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, פַּרְנָסָה, נַחַת, וְכוּ' - אַלֶע קוּקְן מִיר אַרוֹיס אוּן מִיר וַוארְטְן צוּ הֶערְן דִי מְגִלָּה צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

**מֶען** קְלַאפְּט בַּיי הָמָן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן פַיינְט הָאבְּן דֶעם הָמָן הָרָשָׁע, אָבֶּער עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם שׁוּל; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוּנְטְן פוּן זַיין שִׁיךְ דִי צְוֵויי וֶוערְטֶער 'הָמָן' 'ס"מ' אוּן קְלַאפְּן בִּשְׁעַת מֶען זָאגְט הָמָן.

**אִיךְ** וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען פּוּרִים נָאכְמִיטָאג אִין יְשִׁיבָה וואוּ מִיר וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: "לְהוֹדִיעַ, לְהוֹדִיעַ, לְהוֹדִיעַ, שֶׁכָּל

קֹוֶיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ, וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ", מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס מוּטִיגְט אוּנְז מִיר זָאלְן וַוייטֶער הָאפְן אוּן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶע וָואס דֶערְהַאלְטְן זִיךְ וֶועלְן בַּיים סוֹף זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט מוֹצָאֵי שַׁבָּת פָּארְקוּמֶען אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד שׁוּשַׁן פּוּרִים מִיט אַ שֵׁיינֶע פָארְשְׁטֶעלוּנְג וָואס דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וֶועלְן אוֹיסְשְׁפִּילְן דֶערְבֵּיי אַ מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט קוּמֶען מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; אַסַאךְ כֹּחוֹת לֵייגְן מִיר אַרַיין אִין דֶעם נָאר פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; גֶעבּ אַ קוּק וָואס אִיז גֶעשֶׁען אִין דִי פָּאר יָאר זַייט מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט; עֶס וַואקְסְט אוֹיף אַ נַייעֶ פְּרִישֶׁע דוֹר וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם דְרֵיידְלֶעךְ, אַ דוֹר וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; אַלֶע קִינְדֶער - אִינְגְלֶעךְ, מֵיידְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים זֶענֶען עוֹסֵק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

# יד

## מֶען קֶען הַיינְט פּוּעֶל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**הַיינְט** אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָאג צוּ פּוּעֶל'ן יְשׁוּעוֹת; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים (יְסוֹד יוֹסֵף, פֶּרֶק א) אַז אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זָאל מֶען זָאגְן דֶעם קַאפִּיטְל וָואס אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאט גֶעזָאגְט וֶוען זִי אִיז אַרַיין צוּ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אִין פַּאלַאץ, זִי הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן זֶעעֶנְדִיג אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, הָאט זִי אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים, כב): "קֵלִי קֵלִי לָמָה עֲזַבְתָּנִי", (עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז זִי אַלֵיינְס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם קַאפִּיטְל). דֶערְנָאךְ זָאל מֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וֶועט מֶען זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

**מֶען** קוּמְט אִין שׁוּל מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת; פַאר מִנְחָה גֶעבְּט מֶען דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ גֶעבְּן דְרֵיי הַאלְבֶּע דָאלֶערְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב', סִימָן יט): "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִיצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", דוּרְךְ גֶעבְּן דִי שְׁקָלִים וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; אִיז בִּשְׁעַת דוּ גֶעבְּסְט דִי שְׁקָלִים זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

**בִּשְׁעַת** מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָּה אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע הִימְלֶען זֶענֶען אָפְן, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פּוּעֶל'ן גְרוֹיסֶע

יְשׁוּעוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יד.): "קְרִיָּיתָא זוֹ הַלֵּילָא", דִי מְגִילָה וָואס מִיר הֶערְן, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן הַלֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

**פְּרוֹיעֶן** זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב מִיט קְרִיאַת הַמְגִילָה וַוייל זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה פוּן הָמָן (מְגִילָה ד.) אוּן זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן; אוֹיב דוּ הָאסְט גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְטֵיילְן מִיט דַיין וַוייבּ זִי זָאל אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין אִין שׁוּל הֶערְן דִי מְגִילָה, אָדֶער זָאלְסְטוּ לֵיינֶען דִי מְגִילָה פַאר דַיין וַוייבּ אִין שְׁטוּבּ; מֶען קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס שְׁטֶערְן דִי גַאנְצֶע שׁוּל פוּן יוֹצֵא זַיין דִי מְגִילָה.

**הַיינְט** נַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען, הַיינְט נַאכְט מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע סְעוּדוֹת, דֶער עִיקָר מִצְוָה פוּן סְעוּדַת פּוּרִים אִיז מָארְגְן; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ לֵייגְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם גְרוֹיסְן טָאג פּוּרִים מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, עֶר גֵייט אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּן הָמָן וָואס וִויל אוּנְז הַרְגֶ'ענֶען, עֶר וִויל אוּנְז אַרָאפְּוַוארְפְן אִין עֲבֵירוֹת.

**מָארְגְן**, פּוּרִים נָאכְמִיטָאג, וֶועט מֶען זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי

נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז; אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן הָמָן - פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס ווִיל אוּנְז נָאר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן.

**אִיךְ** וֶועל זַיין אִין שְׁטוּב פּוּרִים נָאכְמִיטָאג.

**אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים.**

# מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל

## אַ תְּפִילָּה צוּ זָאגְן פַאר'ן גֶעבְּן "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל"

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיךְ גֶעבּ דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אִיךְ זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב', סִימָן יט): "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִיצוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁמִירַת הַמַּחְשָׁבָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל אַלֶעמָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ בִּין נָאר הַאלְבּ אוּן אִיךְ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ נָאךְ אַ אִיד; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק וָואס זַייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר מַחְלוֹקֶת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת וָואס קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן אַלֶע מִצְווֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, וּבִזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב, זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ.

# הֲכָנָה לִימֵי הַפּוּרִים

## טו

**אִיז דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים נָאר פַאר עֲשִׁירִים אוּן נִישְׁט פַאר אָרֶעמֶעלַייט?[א]**

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי טֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, כָאטְשׁ אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַבִּיסְל; אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז נִישְׁט פַאר מִיר נָאר עֶס אִיז מֶער אַ יוֹם טוֹב בְּלוֹיז פַאר עֲשִׁירִים, זֵיי פְרַאוֶועןְ גְרוֹיסֶע סְעוּדוֹת אוּן פַארְזַאמְלוּנְגֶען, טֵיילְן אַסַאךְ גֶעלְט; עֶס זֶעט מִיר אוֹיס ווִי דֶער יוֹם טוֹב אִיז עֶפֶּעס נָאר פַאר זֵיי אוּן נִישְׁט פַאר פָּשׁוּט'ע אִידְן, וָואס הַאלְט אִיר וֶועגְן דֶעם?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרָשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי - פָּרָה, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס בִּיסְטוּ מְקַנֵא אַ צְווֵייטְן? עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶועם צוּ מְקַנֵא זַיין, בִּפְרַט אַ גְבִיר; וָואס וֵייסְטוּ וָואס אַן עוֹשֶׁר מַאכְט מִיט? מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דֶער וָואס הָאט עֲשִׁירוּת -**

א. עצתו אמונה חלק ד, מכתב ער.

דֶער אִיז גְלִיקְלִיךְ. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז אוֹיף דִי עֲשִׁירִים אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת, ווייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין טָאג אוּן קַיין נַאכְט, זֵיי לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג אִין פְּחָדִים וְכוּ׳. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, ווייל אַלֶע וָואס שְׁמֵייכְלֶען צוּ זֵיי דַארְפְן נָאר זֵייעֶר גֶעלְט, קוּמְט אוֹיס אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמֶת׳ע חֲבֵרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳ אוּן זֵיי שְׁפִּירְן דָאס זֵייעֶר גוּט.

גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף עֲשִׁירִים; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ה, יא): "מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד, אִם מְעַט וְאִם הַרְבֵּה יֹאכֵל", אַן אָרֶעמַאן שְׁלָאפְט גוּט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין דַאֲגוֹת וְכוּ׳, "וְהַשָּׂבָע לֶעָשִׁיר אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ לוֹ לִישׁוֹן", אָבֶער דֶער עוֹשֶׁר קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט צוּלִיבּ זַיינֶע דַאֲגוֹת.

עֶס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ צוּ מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶועמֶען צוּ מְקַנֵּא זַיין; אוֹיבּ מְקַנֵּא זַיין, דַארְף מֶען מְקַנֵּא זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיבּ בִּיסְטוּ דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד - זָאגְט עֶר פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן - בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵּא".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ עָשִׁיר - הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ", וֶוער אִיז אַן עוֹשֶׁר? - אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ; דֶער וָואס דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

פּוּרִים אִיז אַ יוֹם טוֹב פַאר יֶעדְן אִיד, בִּפְרַט פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס וַוארְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה; מֶען זֶעט וָואס דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען טוּן, מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב יא): "וְיֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה", עֶס קֶען אוֹיסְזֶען פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַז אַלֶעס אִיז פַארְמַאכְט, אַלֶעס אִיז דֶערְנָאךְ, אוּן פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט אַ יְשׁוּעָה וָואס מֶען הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְשְׁטֶעלְן פַאר דֶעם; פּוּרִים וַוייזְט אוּנְז אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יֵאוּשׁ.

מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיס צוּ רֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר זוּכְט זִיךְ אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים - דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, עֶר אִיז אַן אֶמֶת'עֶר עוֹשֶׁר. עֶר אִיז רַייךְ וַוייל עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אַלֶעס גֶעבְּן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַאר אַן אָרֶעמַאן שְׁנֶעלֶער וִוי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִּיק. אוּן וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען דָאס חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם אָרֶעמַאן'ס תְּפִלָּה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּן דִי בִּגְדֵי מַלְכוּת, זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים פו, א): "תְּפִלָּה לְדָוִד, הַטֵּה ה' אָזְנְךָ עֲנֵנִי", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, "כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי", וַוייל אִיךְ בִּין

אַזוֹי ווי אַן אָרֶעמַאן; וֶועט מֶען פון דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען פוּן דִי צְנִיעוּת אוּם פּוּרִים**

... לְגַבֵּי דַיין וַוייבּ אַז זִי ווִיל זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן מִיט אַ שֵׁייטְל וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי פַאר פְרוּיעֶן בִּכְלַל זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעלְן אוּם פּוּרִים, בִּפְרַט אַז זִי ווִיל אוֹיסְטוּן אִיר טִיכְל - דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט כְּדַאי. פּוּרִים קוּמְט אַרָאפּ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אוֹר, עֶס אִיז אַ צַייט פוּן מוֹסִיף זַיין קְדוּשָׁה, אַ צַייט פוּן שִׂמְחָה אוּן הַמְתָּקַת הַדִּינִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י): "כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִין", דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אִין טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן אִידְן; פּוּרִים קוּמְט אַרָאפּ אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט וָואס וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף לֶעָתִיד לָבוֹא.

דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרָאפְּצוּנֶעמֶען פוּן זִיךְ צְנִיעוּת; אַז דַיין וַוייבּ וֶועט שְׁפִּירְן אַז דוּ שֶׁעצְט אִיר וֶועג ווִי אַזוֹי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן אַז דוּ פְרֵייסְט זִיךְ מִיט אִיר צְנִיעוּת, וֶועט זִי זִיךְ נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּטוּן אִיר צְנִיעוּת.

# טז

## וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים פוּן פּוּרִים? אוּן אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן הַפָּצָה[א]

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

אַזוֹי וִוי עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ שׁוֹין דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל מִנְהָגִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּם פּוּרִים?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ גֵיי אַרוּם הַפָּצָה, אִיךְ בִּין מֵפִיץ דִי קוּנְטְרֵסִים, ווייל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל קוֹדֶם בֶּעטְן צְדָקָה אוּן נָאכְדֶעם גֶעבְּן אַ קוּנְטְרֵס, אָדֶער זָאל אִיךְ קוֹדֶם גֶעבְּן דֶעם קוּנְטְרֵס אוּן נָאכְדֶעם בֶּעטְן צְדָקָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֵינוּ** מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אוּנְז מְעוֹדֵד, מְשַׂמֵּחַ אוּן מְחַזֵּק אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער יֵצֶר

---

ב. עצתו אמונה חלק ג', מכתב רס.

הָרַע וַוארְפְט אוּנְז אַרָאפּ וְכוּ' אוּן מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם, נָאר שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

**יֶעצְט** קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים וֶוען מֶען גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה; מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִיקִים אַז בִּשְׁעַת קְרִיאַת הַמְגִילָה עֶפֶענֶען זִיךְ אוֹיף אַלֶע הִימְלֶען אוּן מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. וַוייל יֶעדֶעס מָאל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָה דָאס וָוארְט 'הַמֶלֶךְ' סְתַם אִיז דָאס מְרַמֵז אוֹיפְ'ן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וֶועלְן מִיר טַאקֶע זוֹכֶה זַיין צוּ (אֶסְתֵּר ב, ג): "וְיַפְקֵד הַמֶלֶךְ פְּקִידִים בְּכָל מְדִינוֹת מַלְכוּתוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז פּוֹקֵד זַיין מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. בְּשַׁעַת'ן לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ פּוֹעֵל'ן שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער וְכוּ', אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה ד:): "עֵינֵיהֶם שֶׁל עֲנִיִּים נְשׂוּאוֹת בְּמִקְרָא מְגִילָה", דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן, וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן - יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַ עָנִי אוֹיף זַיין אוֹפָן - קוּקְן אַרוֹיס אוּן מִיר וַוארְטְן אַלֶע צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דֶערְבֵּיי מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער סְפִּינְקָא רֶבִּי דֶער בַּעַל אִמְרֵי יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח בַּיים צְווֵייטְן סֵדֶר נַאכְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס אִיז גֶעזִיצְן דִי צְווֵייטֶע נַאכְט פֶּסַח נָאכְן סֵדֶר אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם סֵדֶר, דִי גַאנְצֶע הַגָדָה אוּן אוֹיךְ

שִׁיר הַשִּׁירִים, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ זָאגְן עֶפֶּעס לוֹיבּ אוּן דַאנְק פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?' אִיז אִים בֵּייגֶעפַאלְן, אַז אַזוֹי וִוי דֶער נֵס פּוּרִים וֶוען מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הָמָן הָרָשָׁע אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶעם צְוֵוייטְן טָאג פֶּסַח, וֶועט עֶר יֶעצְט לֵיינֶען דִי מְגִילָה לְכָבוֹד דֶעם גְרוֹיסְן נֵס.

**אַ**זוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעלֵיינְט דִי מְגִילָה; וֶוען דֶער אִיד הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען דִי מְגִילָה הָאט עֶר דֶערְזֶען פַאר זִיךְ שְׁטֵיין אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט, הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט דִי נְשָׁמָה: "וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר אוּן וָואס פַאר אַ שַׁיְיכוּת הָאסְטוּ מִיט מִיר אַז דוּ קוּמְסְט צוּ מִיר?" הָאט דִי נְשָׁמָה אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל. אַז עֶס זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶעם גֵיהִנוֹם אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין גַן עֵדֶן בִּיז זֵיי וֶועלְן הָאבְן אַ סְפֶּעצְיֶעלֶער זְכוּת. אוּן יֶעדֶעס יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה עֶפְנְט מֶען אוֹיף דִי טִירְן פוּן גַן עֵדֶן, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע נְשָׁמוֹת קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן. אַפָּאר חֳדָשִׁים פַאר פּוּרִים קוּמֶען צוּ גֵיין טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן וַוייל זֵיי ווִילְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן, אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי אַפָּאר שָׁעָה וִוי לַאנְג מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה, אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט אַז אַלֶע נְשָׁמוֹת זָאלְן קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן, דַארְפְן זֵיי וַוארְטְן אוֹיפְ'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה.

**זָאגְט** דִי נְשָׁמָה וַוייטֶער: "אִיךְ פְּרוּבִיר שׁוֹין אַפָּאר יָאר זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן כְּדֵי צוּ קֶענֶען אַרייִנְגֵיין, אָבֶער אַלֶעמָאל פַּארְמַאכְט זִיךְ דִי טִיר פּוּנְקְט פַאר אִיךְ גֵיי אַריין; דִי יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט אַרייִנְגֶעכַאפְּט, אָבֶער מַמָשׁ פַאר מִיר הָאט זִיךְ דִי טִיר פַּארְמַאכְט! הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּארֶעכְנְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא בִּיז׳ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁטֵיי דָא אוּן וַוארְט אוֹיפְ׳ן קוּמֶענְדִיגְן פּוּרִים, הֶער אִיךְ פְּלוּצְלִינְג וִוי אֵיינֶער לֵיינְט דִי מְגִילָה, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קְלַאפְּן אוֹיפְ׳ן טִיר פוּן גַן עֵדֶן אַז מֶען זָאל מִיר עֶפֶענֶען דִי טִיר, אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז מְמוּנֶה צוּ זַיין דֶער שׁוֹמֵר הַפֶּתַח אוּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ קְלַאפּ, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: 'וָואס הֵייסְט, אִיךְ הֶער וִוי מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה אוּן אִיךְ וִויל אַרייִנְגֵיין אִין גַן עֵדֶן', הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: 'אֱמֶת טַאקֶע אַז אֵיינֶער לֵיינְט דִי מְגִילָה, אָבֶער יֶעצְט אִיז פֶּסַח בַּיינַאכְט, יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט אַריין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן, דוּ דַארְפְּסְט וַוארְטְן אוֹיפְ׳ן קוּמֶענְדִיגֶער יָאר פּוּרִים', אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָבֶער נִישְׁט גֶעלָאזְט אוּן צוּרִיק גֶע׳טַעְנֶה׳ט: 'וָואס אִיז אַ נַפְקָא מִינָהּ צִי עֶס אִיז פֶּסַח צוּ פּוּרִים? וִויבַּאלְד מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה דַארְף מֶען מִיר אַריין לָאזְן!' אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶע׳טַעְנָה׳ט בִּיז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען פוּן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה זֶען וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען, נָאכְ׳ן אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים הָאט בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה גֶעזָאגְט אַזוֹי: 'יֶעצְט אִיז טַאקֶע נִישְׁט דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען אַרייִנְלָאזְן אִין גַן עֵדֶן,

אָבֶער אויב דו וֶועסְט גֵיין צוּ דֶער אִיד וָואס לֵייְנְט דִי מְגִילָּה אוּן עֶר וֶועט פַּסְקְ'נֶען אַז מֶען דַארְף דִיר אַרַיין לָאזְן אִין גַּן עֵדֶן, וֶועט מֶען דִיר אַרַייְנְלָאזְן".

**הָאט** דִי נְשָׁמָה גֶעבֶּעטְן דֶעם אִיד: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גֶעבְּט מִיר רְשׁוּת אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַּן עֵדֶן אִיךְ זָאל שׁוֹין מְתוּקָּן וֶוערְן". הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: "אִיךְ נֶעם אוֹיף מִיר דֶעם תַּפְקִיד דִיר צוּ מְתַקֵּן זַיין אוּן גֵיי זָאג פַּארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אַז מֶען זָאל דִיר אַרַיין לָאזְן אִין גַּן עֵדֶן".

**עַד** כַּאן הַמַּעֲשֶׂה וָואס דֶער בַּעַל אִמְרֵי יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט דֶערְצֵיילְן יֶעדְעס יָאר פֶּסַח; דִי וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאבְּן שׁוֹין אַלֵיינְס פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים אַלֵיין.

**זֶעט** מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה - הָאט מוֹהֲרָא"ש אוֹיסְגֶעפִירְט, אַז בְּשַׁעַת מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַּן עֵדֶן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיט) אַז דֶער גַּן עֵדֶן אִיז אוֹיף דִי וֶועלְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דָאס אִיז גַּן עֵדֶן. צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָּה.

**אִין** דִי מְגִילָּה זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ. הָמָן הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט; כָּבוֹד, גֶעלְט, הַייזֶער אוּן קִינְדֶער, אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט אִים גְרוֹיס גֶעמַאכְט אוּן אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַלְס שַׂר אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מְדִינוֹת, פַּארְוָואס אִיז

אִים אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז מָרְדְּכַי בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים?! הָמָן הָאט גֶעזָאגְט (אֶסְתֵּר ה, יג): "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי בְּכָל עֵת אֲשֶׁר אֲנִי רֹאֶה אֶת מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ", עֶס אִיז מִיר נִישְׁט וֶוערְד מַיין גַאנְצֶע רַייכְטוּם וֶוען אִיךְ זֶע מָרְדְּכַי זִיצְן בַּיים טוֹיעֶר פוּן קֶענִיג; וָואס הָאט אִים אַזוֹי גֶעאַרְט? וָואס הָאסְטוּ מִיט מָרְדְּכַי? דֶער גַאנְצֶער לַאנְד גֶעבְּט דִיר אָפּ כָּבוֹד, וָואס וֶוערְסְטוּ אַזוֹי אוֹיסֶער זִיךְ וְכוּ'?! נָאר וָואס דֶען, הָמָן דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶר וֶוערְט רַייךְ פוּן עֲבֵירוֹת וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר וִויל נָאר אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אָבֶּער וֶוען עֶר זֶעט וִוי דֶער אִיד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג, נָאר עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן; דֶער אִיד קוּמְט וַוייטֶער אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב אוּן כַאפְּט אַרַיין אַבִּיסְל לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַ בְּלַאט גְמָרָא; עֶר זֶעט דֶעם אִיד "יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ" עֶר קוּמְט וַוייטֶער צוּרִיק אִין שׁוּל, דַאן וֶוערְט עֶר ווִילְד אוּן שְׁרֵייט: "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי!" עֶס אִיז אִים נִישְׁט וֶוערְד דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ - אִין וָואס עֶר אִיז אִים מַכְשִׁיל - נָאר וַוייל עֶר וִויל עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַז מָרְדְּכַי, דֶער אִיד, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אוּן בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

**דָאס** דַארְפְן מִיר מִיטְנֶעמֶען פוּנֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים; מִיר דַארְפְן שְׁרֵייעֶן (אֶסְתֵּר ג, ב): "וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא

יִשְׁתַּחֲוֶה"; אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְּן פַאר הָמָן הָרָשָׁע און אִיךְ גֵיי נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן! אִיךְ גֵיי וַוייטֶער קוּמֶען אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, אֲפִילוּ אִיךְ זֶע אוֹיס וְוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס. אִיךְ גֶעבּ זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער פַאר'ן יֵצֶר הָרָע, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין; מֶענְטְשְׁן לָאזְן אָפּ תוֹרָה וּתְפִילָה נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ שׁוּלְד גֶעפִיל, עֶר מַאכְט זֵיי שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָבַר.

**בְּנוֹגֵעַ** וְוי אַזוֹי צוּ גֵיין הַפָּצָה וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינָהּ צִי דוּ בֶּעטְסְט קוֹדֶם צְדָקָה צִי דוּ גֶעבְּסְט קוֹדֶם אַ סֵפֶר. וְוי אַזוֹי עֶס אִיז דִיר בַּאקְוֶועמֶער אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן.

**אֵיין** זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר און אִיךְ בֶּעט עֶס פוּן אַלֶע וָואס גֵייעֶן הַפָּצָה: "שְׁטוּפּ נִישְׁט קַיין סְפָרִים פַאר אֵיינֶער וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט און זִיכֶער נִישְׁט סְתַּם לֵייגְן אִין שׁוּלְ'ן וְכוּ'", וָואס דָאס בְּרֶענְגְט נָאר אַ זִלְזוּל אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן און מִיר לַיידְן שׁוֹין גֶענוּג וְכוּ'. אַז דוּ גֵייסְט "הַפָּצָה" דַארְף מֶען בֶּעטְן צְדָקָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וְוי גֶעבְּן סְפָרִים בְּחִנָם און זִיכֶער נִישְׁט לֵייגְן אִין שׁוּלְ'ן אָדֶער בַּיי הַייזֶער בְּחִנָם, אָדֶער גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד בַּיים טִיר און אַוֶועק לוֹיפְן וֶוען דוּ וֵוייסְט נִישְׁט צִי דִי עֶלְטֶערְן ווילְן אַ סֵפֶר.

**אוֹיבּ** דוּ גֵייסְט הַפָּצָה און אֵיינֶער אִיז דִיר מְבַזֶה, זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן; דְרֵיי זִיךְ אַרוֹיס פוּן אִים און גֵיי וַוייטֶער. אַז דוּ גֵייסְט הַפָּצָה און אֵיינֶער לַאכְט פוּן דִיר, דוּ גֵיי וַוייטֶער; שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט דִי נֵייעֶס

אַז זַיינֶע נוּמֶערְן זֶענֶען דִי גֶעווִינֶער נוּמֶערְן פוּן דִי לַאטֶערִי, עֶר וֶוערְט גֶעוָואר אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ מִילְיָאנֶער אִיבֶּער נַאכְט; אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ אָנְצוּטוּן גֶעהֶערִיג, עֶר כַאפְּט זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר טוּט עֶס אָן פַארְקֶערְט וְכוּ' אוּן לוֹיפְט אַפְּנֶעמֶען זַיין גֶעלְט... אוֹיפְ'ן וֶועג טְרֶעפְן אִים מֶענְטְשְׁן, מֶען זֶעט וִוי עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט אַן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייטֶע רֶעקְל, מִיט אַ צֶעקְוֶועטְשְׁטֶע הוּט וְכוּ'; מֶען הֵייבְּט אָן לַאכְן פוּן אִים. וָואס טְרַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ? אִים גֵייט אָן וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף אִים? עֶר גֵייט יֶעצְט אַפְּנֶעמֶען זַיין גֶעלְט, עֶר וֶוערְט אַ מִילְיָאנֶער, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים בִּכְלַל נִישְׁט צִי מֶען לַאכְט צִי מֶען וֵויינְט.

**אַזוֹי** זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן וֶוען דוּ גֵייסְט הַפָּצָה; קוּק אוֹיף דִיר, וֶוער הָאט דִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן? וֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן? נָאר דִי סְפָרִים וָואס אַ מֵפִיץ הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן וֶוען עֶר הָאט דִיר גֶעטְרָאפְן וִוי דוּ בִּיסְט גֶעלֶעגְן אִין דַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִיר דוּרְכְדֶעם גֶערַאטֶעוֶועט וְכוּ'. אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי בְּרֶסְלֶב'עֶ עֶלְטֶערְן; וִוי אַזוֹי אִיז דַיין טַאטֶע גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר? וִוי אַזוֹי אִיז דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן? נָאר דוּרְךְ הַפָּצָה!

**בֶּעסֶער** אִיז וֶוען מֶען זָאגְט: "דָא הָאט אִיר אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה", אוּן וֶוען יֶענֶער נֶעמְט דִי מַתָּנָה בֶּעט מֶען: "אִיר הָאט עֶפֶּעס פַאר צְדָקָה?" אוּן אוֹיבּ יֶענֶער וִויל נִישְׁט נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר פְרֶעגְט מֶען: "אִיר הָאט עֶפֶּעס פַאר צְדָקָה?" אָבֶּער

אַז דִיר אִיז גְרִינְגֶער צוּ בֶּעטְן קוֹדֶם צְדָקָה, טוּ וִוי אַזוֹי עֶס אִיז דִיר גְרִינְגֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער** זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען הָאבְּן דִי זְכִיָה צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה. מַאךְ דִיר אַ חֶשְׁבּוֹן, אַז מָשִׁיחַ קוּמְט הַיינְט אוּן וֶועט דִיר פְרֶעגְן: "וָואס הָאסְטוּ הַיינְט גֶעטוּן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען קוּמֶען?" וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בּוּשָׁה וֶוען מֶען וֶועט אִים נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן. אָבֶּער אַז מֶען גֵייט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען. מִיר וֶועלְן אִים זָאגְן: "מָשִׁיחַ, אִיךְ בִּין הַיינְט אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּלְ'ן אוּן אִין הַייזֶער מִיט סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַזֵק אוֹיף אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה"; "מָשִׁיחַ, אִיךְ הָאבּ הַיינְט מֵפִיץ גֶעוֶוען קוּנְטְרֵסִים פַאר בָּחוּרִים. אַז נָאךְ אַ בָּחוּר זָאל אָנְטוּן תְּפִילִין, נָאךְ אַ בָּחוּר זָאל וִויסְן אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ וֶועג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; "מָשִׁיחַ, הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן סִידִים וָואס עֶנְטְהַאלְט נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל".

**שְׁטַארְק** דִיר אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

**אַ פְרֵייליכְן פּוּרִים אוּן אַ שִׂמְחַת תָּמִיד.**

## יז

**ווי אַזוֹי צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פּוּרִים און אוֹיסְנוּצְן דֶעם טָאג רִיכְטִיג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ו שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ה לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים ... און ... נֵרָם יָאִיר

**אִיךְ** הָאף אַז דָאס יָאר וֶועט אִיר מִיר אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזוֹי ווִי פַארְיָאר מִיטְ'ן צֵאמְנֶעמֶען דִי בָּחוּרִים פּוּרִים און אַרוּם גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה.

**אִיר** ווייסְט דָאךְ אַז בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה שִׁיקְט מֶען נִישְׁט אַהֵיים קַיין בָּחוּרִים וָואס צָאלְן נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד; דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט שׁוֹין צֶען יָאר און מִיר הָאבְן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֶעשִׁיקְט אָדֶער פַארְשֶׁעמְט אַ בָּחוּר וָואס קֵיינֶער צָאלְט נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד פַאר אִים און אִיךְ זִינְק אִין חוֹבוֹת נָאר פַאר דִי בָּחוּרִים. אִיךְ קוּק אַרוֹיס אַז אִיר וֶועט זַיין דִי רִיכְטִיגֶע שְׁלוּחִים מִיר צוּ הֶעלְפְן.

**הַיינְט** צוּ טָאגְס זֶעעֶן דָא זַייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְן חִיזוּק פוּן דִי יְשִׁיבָה, דֶערְפַאר דַארְפְט אִיר זִיךְ שׁוֹין יֶעצְט מְסַדֵּר זַיין צוּ מַאכְן אַ לִיסְטֶע וואוּ אִיר זָאלְט אַרוּיף גֵיין פּוּרִים אַבִּיסְל טַאנְצְן און פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אָדֶער זִינְגֶען שְׁטַייטֶע וַוארֶעמֶע נִיגוּנִים - אִין שְׁטוּבֶּער וואוּ מֶען וֶועט אַייךְ אוֹיפְנֶעמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת.

**אִיךְ** ווִיל אַז אַלֶע בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן צוּזַאמֶען נָאךְ גֶעלְט זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל און זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל. אִיךְ

הֶער זָאגְן אַז דִי בָּחוּרִים קוֹיפְן שׁוֹין אַיין פַארְשְׁטֶעלַאכְטְץ פַאר פּוּרִים, זֶעט אַז דִי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען מִיט מִיט אַייךְ זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵייִדְל, אַלֶע זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן דִי זֶעלְבֶּע וְכוּ' מִיט אַן אֵייִדֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלַאכְטְץ. פּוּרִים קוּמְט אַרוֹיס דִי אֱמֶת וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, מֶען וַוייזְט ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל גֵיין אַ גַאנְץ יָאר, נָאר אַ גַאנְץ יָאר שֶׁעמְט מֶען זִיךְ וְכוּ'; אַז מֶען טוּט זִיךְ אָן פְּרָאסְט וְכוּ' וַוייזְט דָאס אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אֵייִדְל. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט שְׁטֵיין דֶערוֹיף אַז דִי וָואס קוּמֶען מִיט דִי חֲבוּרָה קֶענֶען נָאר קוּמֶען אוֹיב זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אֵייִדְל, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן פַארְיָאר צוּ זֶען ווִי דִי בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרוּם אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט.

**גֶעדֶענְקְט** וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק, דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן צַדִּיק.

**נָאךְ** אַ זַאךְ בֶּעט אִיךְ עֶנְק; נֶעמְט נִישְׁט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בָּאס בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה. בַּיי אוּנְז אִיז פּוּרִים אַ הֵיילִיגֶער טָאג, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עד): "כִּי בִּתְחִילָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח וְכוּ', וְעַכְשָׁיו, וְלֹא סִיֵּים", אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז הַיינְט זֶענֶען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים; ווייל אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד,

מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

**עֶם** זֶענֶען דָא וָואס מֵיינֶען אַז פּוּרִים אִיז אַ טָאג פוּן הוֹלְלוּת, אַ טָאג וָואס מֶען קֶען טוּן זַאכְן שֶׁלֹא עַל פִּי תוֹרָה; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען אַז קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶער בָּחוּר זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען אוֹיפְ'ן בָּאס - (מִשְׁלֵי יד, י): "וּבְשִׂמְחָתוֹ לֹא יִתְעָרַב זָר".

**אִיךְ** בֶּענְטְשׁ עֶנְק אַז בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְּט מִיר אִיךְ זָאל ווייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי יְשִׁיבָה אוּן דִי מוֹסְדוֹת וְכוּ' - זָאלְט אִיר טְרֶעפְן בְּקָרוֹב אַייעֶר שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

## יח

### אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ו' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ו

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**מִיר** שְׁטֵייעֶן יֶעצְט בֶּעפָאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט יֶעדֶעס יָאר אִיבֶּער'חַזֶר'ן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין תִיקוּנֵי זוֹהַר (תִּיקּוּן כא, נז:): "פּוּרִים אִתְקְרִיאַת עַל שֵׁם יוֹם הַכִּפּוּרִים", יוֹם כִּפּוּר אִיז אַזוֹי וִוי פּוּרִים; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר, וַוייל מֶען רוּפְט אָן 'יוֹם כִּיפּוּר' וָואס דָאס אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע טָאג פוּן יָאר - כְּ'פּוּרִים אַזוֹי וִוי פּוּרִים.

**דַארְף** מֶען פַארְשְׁטֵיין, ווי אַזוֹי קֶען זַיין אַז פּוּרִים אִיז הֵיילִיגֶער ווִי יוֹם כִּיפּוּר? עֶנְטְפֶערְט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז יוֹם כִּיפּוּר זִיצְט אַ אִיד אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ מִיטְ'ן קִיטְל אוּן טַלִית - אַזוֹי ווִי אַ מַלְאָךְ אוּן עֶר דַאוֶונְט אַ גַאנְצְן טָאג; דָאס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר חָשׁוּב, אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט ווִיסְן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט אִין בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ. מַה שֶּׁאֵין כֵּן פּוּרִים, וֶוען מֶען אִיז עוֹסֵק צוּ שִׁיקְן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים אוּן מֶען פְרֵייְדְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן; מֶען עֶסְט, מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען נוּצְט אוֹיס דִי שִׂמְחָה צוּ פַארְמֶערְן שָׁלוֹם, דָאס אִיז נָאךְ מֶער חָשׁוּב ווִי אֵיינֶער וָואס אִיז עוֹסֵק בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בַּתּוֹרָה וּתְפִלָּה.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל פְלֶעגְט זַיין דֶער סֵדֶר אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מוּסָר זָאגֶערְס וָואס זֵיי פְלֶעגְן אַרוּמְגֵיין אִין דִי שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער זָאגְן מוּסָר דְרָשׁוֹת, נָאךְ דִי דְרָשָׁה פְלֶעגְן זֵיי אַרָאפְלֵייגְן אַ שִׁיסְל אוּן דֶער עוֹלָם פְלֶעגְט אַרַיינְלֵייגְן גֶעלְט. אֵיינְמָאל אִיז אַ מוּסָר זָאגֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט ווִילְנָא אוּן דֶער הֵיילִיגֶער ווִילְנֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעבֶעטְן עֶר זָאל אִים אוֹיךְ זָאגְן מוּסָר, הָאט דֶער מוּסָר זָאגֶער גֶעזָאגְט פַארְ'ן גָאוֹן: "אַ קוּנְץ צוּ זַיין אַ ווִילְנֶער גָאוֹן... אַז מֶען זִיצְט אַ גַאנְצְן טָאג אָנְגֶעטוּן מִיט טַלִית וּתְפִילִין אוּן מֶען לֶערְנְט, אַוַודַאי קֶען מֶען זַיין אַ גָאוֹן, לָאמִיר זֶען אַז דֶער רֶבִּי זָאל קוּמֶען אִין מַארְק אַרְבֶּעטְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ בַּאגַנְבְ'עֶנֶען אַ צְווֵייטְן, אוּן נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ צְווֵייטְן, דָאס אִיז אַ קוּנְץ".

**אַ** סִימָן פוּן אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַז עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַ צְוֵויטְן אוּן עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן אַז זַיין חַבֶר זָאל אוֹיךְ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, דָאס אִיז בַּיי אִים עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פּוּנְקְט ווי לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען.

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס עֶר הָאט אִינְזִין בַּיי 'עֲטִיפַת טַלִית', הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת, עֶר הָאט אִינְזִין אַז זַיין שָׁכֵן זָאל נִישְׁט כַאפְּן אַ שְׁמַיים פוּן זַיין צִיצִית... זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ חַבֶר.

**אֵיין** יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן נָאכְן דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער גֶעדְרֶענְג אוּן מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעשְׁטוּפְּט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען הָאט צוּרִיק גֶעשְׁטוּפְּט בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע גֶערוּדֶער. הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט בַּיי דִי דְרָשָׁה מִיטְל נַאכְט, אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פה:): "עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם הַכִּיפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט זֵייעֶר שַׁארְף, עֶס קְלִינְגְט מִיר נָאךְ אִין דִי אוֹיעֶרְן בִּיז הַיינְט: "אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵויטְן וֶועט נִישְׁט נוּצְן גָארְנִישְׁט בִּיז מֶען וֶועט יֶענֶעם אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן אוֹיב נִישְׁט - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ תִּיקוּן הַכְּלָלִי וֶועט נִישְׁט נוּצְן".

**דֶערְפַאר** לְאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען און זֶען ווִי אַזוֹי מֶען קֶען יֶענֶעם הֶעלְפְן, נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיצְן און רֶעדְן לֵיצָנוּת אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְווֵייטְן און יֶענֶעם בַּארֶעדְן. אִיךְ ווִיל אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן טוּן חֶסֶד אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן; עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה, וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן; וואוּיל אִיז דֶער וָואס הֶעלְפְט אַ צְווֵייטְן און פְּרוּבִּירְט יֶענֶעם אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט דֶערְצֵיילְט אַז יָארְן צוּרִיק הָאט דֶער וָואס הָאט גֶעפִירְט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטִיבְּל אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַאר אִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מִנְיָן. מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז מֶען דַארְף אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער און מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים גֶעווִיזְן אוֹיף אַ קִינְדֶער בָּאס וָואס אִיז דֶעמָאלְט אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן דָארְט, אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן אַרוּם פָארְן בָּאסֶעס אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דֶערוֹיף: "תַּלְמוּד תּוֹרָה בְּרֶסְלֶב", הָאט אִים יֶענֶער גֶעזָאגְט: "אִיר חָלוֹמְ'ט בְּהָקִיץ, עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ". אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז דֶער חָלוֹם אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן און מִיר הָאבְּן שֵׁיינֶע מוֹסְדוֹת וואוּ מִיר קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

**אִיךְ** דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין דָא, מִיר הָאבְּן אַזַא שֵׁיינֶע חֶדֶר, אַזַא יְשִׁיבָה און אַזַא סְקוּל. נֶעכְטְן אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ פְּלֶעי פוּן דִי תַּלְמִידוֹת פוּן אוּנְזֶער סְקוּל "בֵּית פֵּיגָא"; זֵיי הָאבְּן פָארְגֶעשְׁטֶעלְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער "חָכָם און תָּם" (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט), און יֶעדֶער וָואס אִיז דָארְט גֶעוֶוען אִיז אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן", אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם) אַז דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרֶען אוּן מִיט אַ הִתְלַהֲבוּת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער שׁוֹין פוּן יוּנְגְוֵוייז אָן צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מִיר קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט.

אַ גוּטְן טָאג.

# יט

## אַרוֹיסְוַוייזְן הַכָּרַת הַטוֹב פַאר דִי מְחַנְכִים אוּן מְחַנְכוֹת פוּן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ח' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין וֶוייניגֶער וִוי אַ וָואךְ צוּ פּוּרִים, דַארְפְן מִיר זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן בֶּעפָאר יֶעדֶע יוֹם טוֹב, אַז פּוּנְקְט וִוי אַ בַּעַל הַבַּיִת גֶעט פַאר זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער אַ בָּאנוּס לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אַזוֹי דַארְפְן מִיר נֶעמֶען נָאךְ אַ שִׁיעוּר לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אַלְס אַ בָּאנוּס; פַאר פּוּרִים אִיז כְּדַי צוּ לֶערְנֶען מַסֶכֶת מְגִילָה, פַאר פֶּסַח מַסֶכֶת פְּסָחִים אוּן אַזוֹי יֶעדֶע יוֹם טוֹב. עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע יוֹם טוֹב וֶוען מֶען לֶערְנְט

פוּנֶעם יוֹם טוֹב, בִּפְרַט וֶוען מִיר גֵייעֶן הֶערְן לֵיינֶען דִי הֵיילִיגֶע מְגִילָה אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט בֶּעפָאר דֶעם דִי גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ, אִיז עֶס אַן אַנְדֶערֶע מְגִילָה.

**פַארְגֶעס** נִישְׁט פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶע צוּ גֶעבְּן אַ טִיפּ פַאר זֵייעֶרֶע מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן בָּאס דְרַייוֶוערְס. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן גֶעבְּן כְּסֵדֶר טִיפְּס פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט פּוּרִים אוּן חֲנוּכָּה; וַוייל וֶוען דֶער מְלַמֵד אָדֶער טִיטְשֶׁער זֶעט אַז מֶען שֶׁעצְט אוּן מֶען אַנֶערְקֶענְט זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אַרְבֶּעטְן זֵיי מֶער מִיט הַארְץ.

**עֶלְטֶערְן** וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט גֶעבְּן יֶעדְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אַ טִיפּ פַארְ'ן מְלַמֵד, וַוייל וֶוען אַ מְלַמֵד זֶעט אַז דִי עֶלְטֶערְן אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ אוֹיפְ'ן קִינְד גֶעבְּט דֶער מְלַמֵד מֶער אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם קִינְד. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען אַ מְלַמֵד זֶעט אַז דֶער טַאטֶע מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג אַ גַאנְץ יָאר פוּנֶעם קִינְד, אִיז עֶר אוֹיךְ מְזַלְזֵל אִינֶעם קִינְד.

**אִיךְ** בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד יָארְן צוּרִיק אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק דִי הַרְגָשָׁה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אַ קִינְד אוּן דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט אַ גַאנְץ יָאר פוּן מִיר; אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט דֶעם טִיפּ, עֶס הָאט מִיר נָאר גֶעאַרְט 'וואוּ אִיז דִי הַכָּרַת הַטוֹב; אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דַיין קִינְד, אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין אִים מַיין הַארְץ אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר נִישְׁט קַיין כִּי הוּא זֶה?!' דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ צוּ שִׁיקְן

מִיט דַיין קִינְד כְּסֵדֶר 'מִצְוָה צֶעטְלֶעךְ' אוּן צוּשְׁרַייבְּן אַפָּאר וַוארִימֶע וֶוערְטֶער פַאר'ן מְלַמֵד. דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן שְׁרַייבְּן אִיז חָשׁוּבֶ'ער וִוי דֶער גְרֶעסְטֶער טִיפּ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַרַיין זַיין בְּלוּט אוּן שְׁוֵויס פַאר אַ צְוֵוייטְן אוּן יֶענֶער אִיז דָאס מַכִּיר - אִיז דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אוּן אַז נִישְׁט טוּט עֶס זֵייעֶר וֵויי.

**מַאךְ** זִיךְ אַ פָּשׁוּט'עֶר חֶשְׁבּוֹן: דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד דִי פָּאר שָׁעָה דוּרְכְאוֹיס שַׁבָּת צוּ זִיצְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אָדֶער וֶוען דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וַוייל זִי דַארְף אַרוֹיסְגֵיין וְכוּ', דֶעמָאלְט וֶוערְסְטוּ אַזוֹי נֶערְוֶועז, אוּן דָא זִיצְט אַ מְלַמֵד אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דַיין קִינְד אוּן עֶר וֶוערְט נֶערְוֶועז, נִישְׁט נָאר מִיט אֵיין קִינְד נָאר מִיט אַ גַאנְצֶע כִּתָּה. וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן שְׁלָאגְן אוּן אַוֶועק שְׁטוּפְּן; וֶוען דוּ רֶעגְסְט זִיךְ אוֹיף שְׁלָאגְסְטוּ דַיין קִינְד אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא אַז אֵיינֶער וֶועט דִיר פָארְהַאלְטְן וְכוּ', אָבֶּער דֶער מְלַמֵד שְׁלָאגְט נִישְׁט, עַל כָּל פָּנִים דָא בַּיי אוּנְז שְׁלָאגְן נִישְׁט דִי מְלַמְדִים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט", אוּן וֶוען דֶער מְלַמֵד שְׁפִּירְט אַז דֶער קִינְד נֶערְוִוירְט אִים קֶען עֶר גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאכְאַמָאל וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל.

**הַלְוַאי** זָאלְן עֶלְטֶערְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן הֶעלְפְן דִי מְלַמְדִים מֶען זָאל זֵיי קֶענֶען בַּאצָאלְן צַייטְלִיךְ אוּן מֶען זָאל זֵיי קֶענֶען הֶעכֶערְן דִי גֶעהַאלְט, כְּדֵי דֶער מְלַמֵד זָאל הָאבְּן אַבִּיסְל הַרְחָבַת הַדַעַת, עֶר זָאל זַיין רוּאִיג אִין כִּתָּה מִיט דִי

קִינְדֶער אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין דַאֲגָה אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט דָא אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען לֵיינְט אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ, אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, אִיךְ זָאג דִיר אַז הַיינְט זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט דִי פָּאר דָאלֶער צוּ אַיינְקוֹיפְן פַאר שַׁבָּת.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן וָואס מִיר זֶענֶען דוּרְךְ דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְּרוּטָה צוּ צָאלְן פַאר דִי מְלַמְדִים אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פְלֶעגְן זֵיי קוּמֶען אִין אָפִּים מִיר גְרִיסְן גוּט שַׁבָּת, זֵיי הָאבְּן גֶעוְוִיסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין דָאלֶער אִין דִי יְשִׁיבָה קַאסֶע, נָאר אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע אוּן אֵיידֶעלֶע מְלַמְדִים הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעבֶּעטְן קַיין גֶעלְט פוּן מִיר, אָבֶּער וֶוען זֵיי פְלֶעגְן מִיר קוּמֶען גְרִיסְן 'גוּט שַׁבָּת' פְלֶעג אִיךְ רוֹיט וֶוערְן פַאר בּוּשָׁה יֶעדֶע וָואךְ. אִיךְ פְלֶעג מִיךְ בַּאהַאלְטְן פְרַייטָאג וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן אִין פָּנִים פַאר בּוּשָׁה, אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען בַּאצָאלְן.

דֶערְפַאר אַז מֶען שִׁיקְט אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַאר דֶעם מְלַמֵד אוּן פַאר דִי טִיטְשֶׁער, פַארְ'ן מְנַהֵל אוּן פַאר דִי מְנַהֶלֶת אוּן מֶען שִׁיקְט אַן הַכָּרַת הַטוֹב בְּרִיוו מִיט אַ טִיפּ, אִיז אַ סִימָן אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ מַתָּנָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ

וואו מִיר קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; דִי קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר מִיט אַ שִׂמְחָה, מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער; מֶען רֵייסְט נִישְׁט אוּנְטֶער אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט דִי קִינְדֶער.

**שְׁטַארְק דִיךְ אוּן הָאבּ הַצְלָחָה.**

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן פַּארְ'ן יוֹם טוֹב פּוּרִים וָואס דִי אִידְן הָאבְּן נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אֶסְתֵּר ט, כז): "קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ הַיְּהוּדִים", אִיז אַ צַייט וָואס דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אַ סִיּוּם פוּן דִיר, וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה.

אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר שְׁטֵייט (תִּיקוּן כ"א) "יוֹם כִּפּוּרִים הוּא יוֹם כְּ'-פּוּרִים", זֶעט מֶען אַז פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, פַארְוָואס טַאקֶע אִיז פּוּרִים גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר? ווייל פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען מַאכְט שָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, מֶען שִׁיקְט מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אֵיינֶער פַּארְ'ן צְוֵוייטְן, מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר וֶוער עֶס בֶּעט אוּן מֶען אִיז מַרְבֶּה שִׂמְחָה, דָאס אִיז חָשׁוּבְ'עֶר פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער וִוי אַלְצְדִינְג.

## כ'

### אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קֶען מֶען זַיין אֱמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ פּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אַשְׁרֵינוּ** מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קלה): "אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק, יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב", דָאס קֶען מֶען מַמָּשׁ זֶען, אַז ווען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי קְדוּשָּׁה פוּן יוֹם טוֹב; בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עד): "כִּי בִּתְחִילָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח וְכוּ', וְעַכְשָׁיו, וְלֹא סַיֵּים", אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז הַיינְט זֶענֶען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים; וַוייל אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

**מֶען** זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ; וֶוען עֶס קוּמְט שִׂמְחַת תּוֹרָה, מַאכְט זִיךְ אִין אַלֶע שׁוּל'ן אַז מֶענְטְשְׁן טְרִינְקֶען, מֶען שִׁיכּוֹר'ט זִיךְ אָן אוּן דָאס שְׁטֶערְט דֶעם גַאנְצְן בֵּית

הַמֶדְרָשׁ וְכוּ' וְכוּ', וָואס אִיז דִי סִיבָּה דֶערְצוּ? זֵייעֶר פָּשׁוּט, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין צַדִיק וָואס שַׁיינְט אִין אִים אַרַיין אַז עֶר קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר קֶען אוֹיךְ זַיין דָבוּק צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער - וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, בִּפְרַט אַז דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ אַ שְׁנֶעלֶער חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס גֵייט זַיין מִיט מִיר?' עֶס אִיז יֶעצְט גֶעוֶועןְ סְלִיחוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, תַּשְׁלִיךְ, כַּפָּרוֹת, יוֹם הַקָדוֹשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, ד' מִינִים, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן יֶעצְט שְׁטֵייט עֶר דָא דֶעם לֶעצְטְן טָאג - שִׂמְחַת תּוֹרָה, בֶּעפָאר אַ לַאנְגְן ווִינְטֶער אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ אָן אַז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן נַאקֶעט; אָן קַיין תּוֹרָה, אָן קַיין תְּפִלָּה אוּן אָן קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם - וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, דֶערְפַאר נֶעמְט מֶען זִיךְ צוּם טְרִינְק.

**דָאס** זֶעלְבֶּע זֶעט מֶען אִינֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, אַוַודַאי הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים גֶעזָאגְט (מְגִילָה ז:): "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא, עַד דְלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְכַי", אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַזוֹי אָנְ'שִׁיכּוֹרְ'ן אַז עֶר זָאל נִישְׁט דַאוֶוענֶען מִנְחָה, מַעֲרִיב אוּן נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן; נָאר ווִיבַּאלְד עֶס וֶוערְט נִתְגַלֶה אִין דֶעם טָאג אַזַא גְרוֹיסֶער אוֹר, פַּאסִירְט דָאס זֶעלְבֶּע, אַז דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עַצְבוּת, מָרָה שְׁחוֹרָה, מִיט אַ יֵאוּשׁ אוּן עֶר וֶוערְט מוֹרָא'דִיג צֶעבְרָאכְן אוּן עֶר פַארְגֶעסְט וָואס טוּט זִיךְ מִיט אִים.

**אָבֶער** מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְתַלְמִידָיו, וָואס זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז אוּיס אַז מִיר קֶענֶען יָא לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן זֵיי לֶערְנֶען מִיט אוּנְז אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן קֶען מֶען זִיךְ אוּיפְהֵייבְּן אוּן צוּרִיקְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס - בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת. אוּן זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז אוּיס אַז אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין אוּנְז, זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת; אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן. וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ וְכוּ' וְכוּ'".

**מִמֵּילָא** וֶוען עֶס קוּמְט שִׂמְחַת תּוֹרָה דַארְפְן מִיר נִישְׁט טְרִינְקֶען אוּן זִיךְ אָנְ'שִׁיכּוֹר'ן אוּן צֶעשְׁטֶערְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, פַארְקֶערְט גָאר, עֶס אִיז פַאר אוּנְז דָאס פְרֵיילִיכְסְטֶע טָאג פוּן יָאר, יֶעדֶער אִיז פַארְנוּמֶען צוּ צֵיילְן זַיינֶע סִיוּמִים; דֶער דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; אַ צְווֵייטֶער דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה מִיט רַשִׁ"י; דֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ, דֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל מַסֶּכְתּוֹת פוּן תַּלְמוּד בַּבְלִי, דֶער הָאט

גֶעֶנְדִיגְט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל מַסֶכְתּוֹת פוּן תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי וְכוּ׳ וְכוּ׳; דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַדִיק, יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב", וַוייל אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב פְרֵיידְט מֶען זִיךְ מִיטְ׳ן יוֹם טוֹב אַלֵיין, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט טְרִינְקֶען אָדֶער מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**דָאס** זֶעלְבֶּע קֶען מֶען זֶען פּוּרִים; וֶוער עֶס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בִּמְחִצָתוֹ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִינֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, הָאט גֶעזֶען דֶער חִילוּק פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. ווִי שֵׁיין מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן בַּיי יֶעדֶע ווִינְקְל הָאט מֶען גֶעזֶען ווִי אַ צְוֵוייטֶער וֵוייְנְט זִיךְ אוּיס דָאס הַארְץ פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַלֵיינְס, ווִי עֶר אִיז גֶעזֶעצְן דִי אַלֶע שָׁעוֹת בִּשְׁעַתְ׳ן טַאנְצְן אוּן נִישְׁט אוּיפְגֶעהֶערְט זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער טְרִינְקְט מֶען זִיךְ אָן אוּן מֶען וֶוערְט שִׁיכּוֹר ווִי לוֹט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אִם** יִרְצֶה הַשֵׁם פּוּרִים פַארְנַאכְטְס, אוּם זֶעקְס אַזֵייגֶער, וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אִין יְשִׁיבָה צוּ אַ סְעוּדָה אוּן נָאכְדֶעם וֶועלְן מִיר טַאנְצְן בִּיז אִין דִי שְׁפֶּעטֶע נַאכְט שָׁעוֹת, צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי זְכִיָה אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

**דוּ** קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי דְרָשׁוֹת פוּן יְשִׁיבָה; וואוּ אִיךְ גֵיי אוּן וואוּ אִיךְ שְׁטֵיי שְׁטֶעלְן מִיךְ מֶענְטְשְׁן אָפּ, זֵיי דַאנְקֶען מִיר, בֶּענְטְשְׁן

מִיר, קוּשְׁן מִיר אוּן זָאגְן מִיר אַז זֵיי קוּמֶען מִיר זֵייעֶר לֶעבְּן, הַלְוַואי זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דֶעם.

**הַצְלָחָה רַבָּה, אַ גוּטְן טָאג.**

# כא

## נוּץ אוֹיס דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים פַאר שָׁלוֹם אוּן קִירוּב לְבָבוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת צַו, י"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**מִיר** שְׁטֵייעֶן שׁוֹין פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה א, ד): "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד - נוֹתְנִים לוֹ", וָואס אַ אִיד בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים - גֶעבְּט מֶען אִים; דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן זֶען פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אִין שְׁטוּב.

**פּוּרִים** אִיז אַ צַייט פוּן "מִשְׁפָּחָה וּמִשְׁפָּחָה" (אֶסְתֵּר ט, כח); דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיין וַוייבּ וואוּ צוּ גֵיין פּוּרִים וְכוּ' וְכוּ', נָאר זֵיי אַ וַתְּרָן אוּן גֶעבּ נָאךְ. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וויל נָאר אַז מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן - אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֶעס לְשֵׁם שָׁמַיִם רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

**זָאלְסְט** זֶען אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם טָאג פַאר שָׁלוֹם, זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת

מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה, שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואו מֶען קְרִיגְט זִיךְ, דָארְט אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם; זָאלְסְטוּ פוּן דָארְט אַנְטְלוֹיפְן, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר אַיינְרֶעדְן אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָה, זָאג אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר: "שְׁטֵיי וַוייט פוּן דִי סָארְט מִצְוֹת", דוּ זָאלְסְט נָאר זֶען ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אוּן זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם קֵיינְמָאל נִישְׁט טְרָאגְן אָדֶער בְּרֶענְגֶען לָשׁוֹן הָרָע פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

**רֶבִּי** נָתָן הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת פוּן אַ גֶעוִויסֶע רֶבִּי וָואס הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, אוּן אֵיינֶער פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען פַארְצֵיילְן דִי נַייעֶס פַאר רֶבִּי נָתָן אַז דֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַזוֹי אוּן דֶער הָאט אַהֶער גֶעזָאגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אַמָאל גֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דוּ בִּיסְט מַיין מִתְנַגֵד, דוּ מַאכְסְט מִיר קְרַאנְק! הֶער שׁוֹין אוֹיף מִיר צוּ בְּרֶענְגֶען לָשׁוֹן הָרָע, וַוייל אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ הֶער נִישְׁט וָואס יֶענֶער זָאגְט אוֹיף מִיר, נָאר וֶוען דוּ קוּמְסְט אוּן דוּ בְּרֶענְגְסְט מִיר דִי נַייעֶס מַאכְסְטוּ מִיר חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ'"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי אַלֶע וָואס טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען - זֵיי זֶענֶען דִי שְׁקָצִים אוּן פוּן זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן מִיט פְּרִיצוּת חַס וְשָׁלוֹם. פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, אַז מֶען טוּט זִיךְ

אָן נִישְׁט בִּצְנִיעוּת גֵייט דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אַוֶועק פוּנֶעם שְׁטוּב און אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז נִישְׁט דָארְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן שֵׂכֶל און זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס גֵייט בִּצְנִיעוּת וֶועט הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; דַארְפְסְטוּ מֶער פוּן אַ הַבְטָחָה פוּן רֶבִּי'ן?! אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט פַייעֶר.

**עֶם** וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אַ סְעוּדָה פּוּרִים נָאכְמִיטָאג אִין יְשִׁיבָה, זָאלְסְט זֶען צוּ קוּמֶען מִיט דַיין וַוייבּ, אָבֶּער אוֹיבּ דַיין שְׁוֶוער אָדֶער טַאטֶע מַאכְן אַ סְעוּדָה נָאכְמִיטָאג זָאג אִיךְ דִיר קוּם נִישְׁט, נָאר גֵיי עֶנְדֶערְשׁ צוּ דַיין מִשְׁפָּחָה און אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת אִין אַזַא הֵיילִיגֶער טָאג.

**מוֹצָאֵי** שַׁבָּת אִיז דָא אִין יְשִׁיבָה אַ שׁוּשַׁן פּוּרִים סְעוּדָה, דִי בָּחוּרִים מַאכְן אַ שֵׁיינֶע פָארְשְׁטֶעלוּנְג, זֶע צוּ קוּמֶען מִיט דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער.

**אַ גוּטְן טָאג.**

# יוֹם הַפּוּרִים

## כב

### בֶּעט הַיינְט פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת צַו, חַג הַפּוּרִים, י"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר שְׁטֵייעֶן הַיינְט אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, פּוּרִים, וָואס מֶען קֶען אִין דֶעם טָאג פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּטְס; זָאלְסְטוּ זֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אַז דֶער טָאג זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן זֶע צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה פַאר דוּ טְרִינְקְסְט זִיךְ אָן.

וֶוער עֶס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ פּוּרִים הָאט גֶעזֶען וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא"שׁ נוּצְט אוֹיס דֶעם טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; אֲפִילוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעזֶעצְן צְוִוישְׁן דֶעם עוֹלָם, הָאבְּן זִיךְ זַיינֶע לִיפְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שָׁאקְלֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

זֶע צוּ בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן נָאר גוּטְס; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט זַיינֶע קְלֵיינֶע אָרֶעמֶע פְּשׁוּט'ֶע תְּפִילּוֹת קֶען עֶר הֶעלְפְן אַז אִידְן זָאלְן אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן שְׁפִּיטֶעלֶער, אַז אִידְן זָאלְן אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן תְּפִיסָה אוּן אַז אִידְן זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה. אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דָא אַסַאךְ מְקַטְרִיגִים אוֹיף אִידִישֶׁע

קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן אִין אֵיין רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידְן, מֶען דַארְף מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן טַעְנָה'ן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִידְן זֶענֶען זֵייעֶר ווָאויל אוּן גוּט; ווָאויל אִיז פַּאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט גוּט אוֹיף אִידְן אוּן זוּכְט אַ לִימוּד זְכוּת אוֹיף יֶעדְן אִיד, בִּפְרַט אִין דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג.

**אִיךְ** בִּין גֶעוֶוען פָּארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי מַיין טַאטְ'ן שְׁלִיטָ"א אוּן מִיר הָאבְּן גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה אִינְאֵיינֶעם מִיט מַיין זֵיידֶע שְׁלִיטָ"א, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אַרַיין צוּ לוֹיפְן אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, עֶר לוֹיפְט צוּ צוּ מִיר אוּן הֵייבְּט מִיר אָן צוּ דְרוּקְן בַּיים הַאלְז אוּן שְׁרֵייט: "יוֹאֵל, אַז דוּ גֶעבְּסְט מִיר נִישְׁט אַ שִׁידוּךְ בִּיז פּוּרִים, הַרְגְ'עֶ אִיךְ דִיר", אוּן אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶר דֶערְוֶוערְגְט מִיר, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אַז עֶר זָאל מִיךְ אָפְּלָאזְן. עֶס אִיז מַמָשׁ גֶעשֶׁען אַ נֵס אַז עֶר הָאט מִיר אָפְּגֶעלָאזְט אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ מַיין זֵיידֶע, וָואס אַזוֹי אַרוּם הָאט מֶען אִים אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן פוּן דָארְט. הָאבּ אִיךְ אַרַיין גֶעטְרַאכְט: 'וָואס אִיז דָא גֶעשֶׁען? פַארְוָואס אִיז עֶר צוּגֶעלָאפְן צוּ מִיר? אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט אוּן אִיךְ הָאבּ אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען!'

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין פֶּערְצוּפַאל, נָאר אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן; הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס אַז אֶפְשָׁר טוּ אִיךְ נִישְׁט גֶענוּג פַאר בָּחוּרִים

און מֶען הָאט מִיר גֶעוָואלְט וַוייזְן דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר - אַז עֶר שְׁרֵייט עֶר וויל חֲתוּנָה הָאבְּן און יֶעדֶער בָּחוּר שְׁרֵייט דָאס; צְוֵוייטְנְס, אַז אִיךְ דַארְף מֶער רֶעדְן צוּ דִי אִינְגֶעלַייט זַיי זָאלְן טוּן פַאר בָּחוּרִים, וַוייל עֶס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אַז מֶען קֶען אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ מֶען פִּירְט עֶס נִישְׁט אוֹיס.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר, אוֹיב עֶס פַאלְט דִיר אַיין אַ שִׁידוּךְ טְרָאג עֶס אָן שׁוֹין יֶעצְט אוּם פּוּרִים, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אֲפִילוּ פַאר אֵיין טָאג.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ טוּסְט פַאר אַ צְוֵוייטְן, זָאלְסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע, בְּרָכָה, הַצְלָחָה וְכָל טוּב סֶלָה, אָמֵן.

**אַ שִׂמְחַת פּוּרִים.**

## רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער

ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, און מִיר וֵוייסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין לֶעבְּן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס שְׁוֶוער, זָאגְט אוּנְז דֶער רֶבִּי: "שְׁטוּפּ עֶס דוּרְךְ, וַוארְט אַבִּיסְל, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, עֶס וֶועט בַּאלְד אַרִיבֶּערְגֵיין", און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע עֵצוֹת, פַארְוָואס זָאלְן מִיר דָאס נִישְׁט מְפַרְסֵם זַיין פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט? פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין סֶעלְפִישׁ און נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף נָאךְ אַ אִיד?!

מִיר הָאבְּן יֶעצְט גֶעדְרוּקְט אַ נַייעֶם קוּנְטְרֵס אוֹיף אִידִישׁ 'אַ פְּרֵיילִיכְן פּוּרִים', אַ הֶערְלִיכֶע קוּנְטְרֵס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, ווִי אַזוֹי מֶען זָאל אוֹיסְנוּצְן דִי פּוּרִים טֶעג. מִיר הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט 'מְגִלַּת אֶסְתֵּר', אַזוֹי וֶועט עֶס צִיעֶן מֶער מֶענְטְשְׁן צוּ נֶעמֶען, וַוייל מֶען זוּכְט דָאךְ צוּ הָאבְּן אַ מְגִלַּת אֶסְתֵּר. וֶוען דוּ גֵייסְט בַּיי דִי טִירְן הֲפָצָה אוּן יֶענֶער גֶעבְּט דִיר צְדָקָה, פְּרֶעג אִים צִי עֶר דַארְף אַ שֵׁיינֶעם קוּנְטְרֵס אוֹיף פּוּרִים מִיט מְגִלַּת אֶסְתֵּר, אַזוֹי וֶועסְטוּ מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד עֶר זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען: מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# כג

## לוֹיף צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הֶערְן זַיינֶע עֵצוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, חַג הַפּוּרִים, י"ד אֲדָר, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**הַיינְט** אִיז פּוּרִים וָואס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, אִיךְ וֶועל דִיר נָאר שְׁרַייבְּן אֵיין דִיבּוּר פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס דָאס וֶועט דִיר מְחַיֶּה זַיין.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:): "אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָיְתָה עוֹמֶדֶת מֵחֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְטוֹבֶלֶת, וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְּכַי", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַז אֲפִילוּ אַ

מֶענטְשׁ אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, עֶר לִיגְט בְּחֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, זָאל עֶר טוּן וָואס אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאט גֶעטוּן: "טוֹבֶלֶת" - גֵיי אִין מִקְוֶה, "וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְּכַי" - אוּן לוֹיף צוּ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ זַיין שׁוּים, הֶער דֶעם קוֹל וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרֵייט: "גְיוַואלְד, קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען!" נָאר יֶעדֶער קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶער קֶען אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי.

**אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים.**

# כד

## מֶען קֶען הַיינְט פַארְעֶכטְן וָואס מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר, חַג הַפּוּרִים, שְׁנַת תשע"ה לִפְרַט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין צַייט הַיינְט פַאר לַאנְגֶע בְּרִיוו, הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג; עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (תִּיקּוּן כא, דַף נז:) אַז 'יוֹם כִּפּוּרִים' אִיז אַזוֹי וִוי 'יוֹם הַפּוּרִים'; וֶוען מֶען ווִיל זָאגְן דֶער אִיז אַזוֹי וִוי דֶער - "הַקָּטָן נִתְלָה בַּגָּדוֹל" - נֶעמְט מֶען דֶעם קְלֶענֶערְן אוּן מֶען זָאגְט אַז עֶר אִיז וִוי דֶער גְרֶעסֶערֶער, קוּמְט אוֹיס אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז אַזוֹי וִוי פּוּרִים. דַארְף מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין, וַוייל יוֹם כִּיפּוּר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער טָאג פוּן יָאר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן

(בְּרֵאשִׁית רַבָּה ג, ח): **אוֹיפְ'ן פָּסוּק** (בְּרֵאשִׁית א, ה): **וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר 'יוֹם אֶחָד'** - "זֶה יוֹם הַכִּפּוּרִים" וָואס אִין דֶעם טָאג אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פָאר דִי אִידְן אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער פוּן זוֹהַר אִיז מַשְׁמַע אַז פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער, נָאר מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אֲפִילוּ טַאקֶע יוֹם כִּיפּוּר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אָבֶּער חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (יוֹמָא פה:): "עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ", אוֹיב הָאט אֵיינֶער וֵויי גֶעטוּן אַ צְוֵוייטְן אִיז יוֹם כִּיפּוּר נִישְׁט מְכַפֵּר בִּיז מֶען בֶּעט יֶענֶעם אִיבֶּער; דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן פּוּרִים, אַז מֶען אִיז עוֹסֵק אַ גַאנְצְן טָאג מִיט מִצְוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ וָואס דוּרְכְדֶעם בֶּעט מֶען זִיךְ אִיבֶּער אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם אִיז פּוּרִים גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, מִיר זָאלְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָּם וֶוערְן לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַּי.

**אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן פּוּרִים אוּן אַ שִׂמְחַת תָּמִיד.**

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן**

פּוּרִים קֶען מֶען זֶען ווִי חֲסִידִ'ישֶׁע בָּחוּרִים גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט ווַייסֶע קַאפְּלֶעךְ וָואס טְרָאגְט דֶעם אוֹיפְשְׁרִיפְט: "נַ' נַחְ' וְכוּ'"; דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע בִּזָיוֹן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אוּן דָאס פַּארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי'ן. עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עֲבֵירָה צוּ טְרָאגְן אַזָא מַלְבּוּשׁ, ווַייל דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען מְבַזֶּה דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְכוּ' אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "כָּל הַמְבַזֶּה תַּלְמִיד חָכָם אֵין לוֹ רְפוּאָה לְמַכָּתוֹ", אֵיינֶער וָואס אִיז מְבַזֶּה אַ תַּלְמִיד חָכָם הֶעלְפְט נִישְׁט פַאר אִים קַיין תְּשׁוּבָה.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן פוּן דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה אַז וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אֵיינֶעם מִיט אַזָא קַאפְּל זֶענֶען זֵיי שֵׁיין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶעם אוּן גֶעבֶּעטְן מִיט שֵׁיינֶעם אַז עֶר זָאל עֶס אוֹיסְטוּן ווַייל דָאס פַּארְשֶׁעמְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

# כה

## אַז מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְפְרִישְׁן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת צַו, פּוּרִים, י"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג; הַיינְט אִיז אַ צַייט צוּ מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עד): "כִּי בִּתְחִילָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח וְכוּ', וְעַכְשָׁיו, וְלֹא

סַיים״, זָאגְט רֶבִּי נָתָן אויף דֶעם אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי׳ן אַז הַיינְט זֶענֶען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פוּרִים; ווייל אַז מֶען אִיז זוֹכֶה און מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד און מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

**זָאלְסְטוּ** יֶעצְט פוּרִים אִינֶדערְפְרִי זָאגְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַיינְט הֵייבּ אִיךְ אָן פוּנְדָאסְנֵיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״; כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר אַבִּיסְל אַוֶועק פוּן דַיין שְׁטוּבּ און גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, זָאג פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֶּאֱמֶת ווילְסְטוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אויף דִיר און בֶּעט אִים רַחֲמָנוּת אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג יוֹם הַפּוּרִים, וֶוען עֶס אִיז (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה א, ד): ״כָּל הַפּוֹשֵׁט יָד נוֹתְנִים לוֹ״, וָואס צַדִיקִים זָאגְן אויף דֶעם אַז וֶוער עֶס בֶּעט און וָואס מֶען בֶּעט הַיינְט - בַּאקוּמְט מֶען.

**טַייעֶרֶער** בְּרוּדֶער ...., דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווי חָשׁוּב יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל; אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען אויף אַ אִיד אִינְגַאנְצְן אַנֶדערְשׁ, אַ אִיד אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב.

**אִיךְ** הָאבּ דִיר אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אָבֶּער יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט פַאר בְּרִיוו, יֶעצְט דַארְף מֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹת הַיוֹם; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט קְרִיאַת הַמְגִילָּה

וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: "עֶס לוֹינְט זִיךְ אַ אִיד זָאל זַיין דָא בָּזֶה הָעוֹלָם זִיבֶּעצִיג יָאר אוּן עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, אַבִי עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אֵיין מָאל צוּ הֶערְן קְרִיאַת הַמְגִילָה".

**נָאכְדֶעם** הָאבְּן מִיר דִי מִצְוָה פוּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ אוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים; מִיר זֶענֶען אַלֶע אֶבְיוֹנִים - זָאגְט מוֹהֲרָא"ש, מֶענְטְשְׁן זוּכְן בַּיי וֶועם מֶען קֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, אָבֶּער בֶּאֱמֶת - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין הַאנְט זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה.

**שְׁטַארְק** דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ; דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר חָשׁוּב ווִי אַן אֵייגְן קִינְד.

**ווּאוּנְטְשְׁט דִיר דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַ שִׂמְחַת פּוּרִים.**

# כו

**מְוּתָּר זַיין אוֹיף דִי פּוּרִים סְעוּדָה פַאר כִּיבּוּד אָב וָאֵם**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק אַלֶעמָאל.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן אִיךְ בִּין אַ לֶערֶערִין; אִיךְ הָאבּ צוּגֶעגְרֵייט אַ שֵׁיינֶע פּוּרִים מְסִבָּה פַאר דִי תַּלְמִידוֹת, לְמַעֲשֶׂה אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי מְסִבָּה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַהִינְגֵיין מִיטְהַאלְטְן, וַוייל מַיין מַאמֶע

הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַוֶועקְגֵיין און מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט, און לְמַעֲשֶׂה הָאבּ נָאר אִיךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ בְּלַייבְּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַזוֹיפִיל אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. דָאס הָאט מִיר אָבֶּער זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אָנְצוּגְרֵייטְן דִי מְסִבָּה, און נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ זֶעלְבְּסְט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיטְהַאלְטְן.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אִין אַזַא צַייט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וְוָאוִיל** אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; וְוִיפִיל מֶען זָאל נָאר טוּן פַאר עֶלְטֶערְן אִיז מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט יוֹצֵא דִי מִצְוָה.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): "אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא, וְאֵלּוּ הֵן: כִּבּוּד אָב וָאֵם"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַאר כִּיבּוּד אָב וָאֵם שְׂכַר נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

**אִיךְ** בִּין מְקַנֵּא אַייעֶר זְכוּת אַז אִיר הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דִי פּוּרִים מְסִבָּה כְּדֵי צוּ בְּלַייבְּן אִין

שְׁטוּב הֶעלְפְן אַייעֶרע עֶלְטֶערְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט נַחַת בַּיי אַייעֶרע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צוּם מֶענְטְשׁ, אוּן נָאךְ פִיל מֶער בַּיי אַ גוּטֶע זַאךְ.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וָואלְטְן אַלֶע גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרע קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'ן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵיסָרִים אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרע קִינְדֶער לֶערְנֶען צוּ מִיר". מֶען זֶעט בְּחוּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט שֵׂכֶל אוּן דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט מִידּוֹת טוֹבוֹת. פוּן אַייעֶר מַעֲשֶׂה אַלֵיינְס קֶענְט אִיר זֶען וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז; אַלֶע אַייעֶרע גֶעשְׁווִיסְטֶער הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן צוּ דַארְפְן הֶעלְפְן וְכוּ', נָאר אִיר וָואס אִיר הֶערְט דִי חִיזּוּק אוּן דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, הָאט אִיר מְוַותֵּר גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶעס אַבִּי צוּ הֶעלְפְן אַייעֶרע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# ענין שושן פורים

## כז

### אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ דִבּוּק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת צַו, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ו לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אַשְׁרֵינוּ** מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹת פוּן פּוּרִים; דִי רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן י): "כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִיקוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִים", דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אִין טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן אִידְן; פּוּרִים הָאט מֶען אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעפַּאטְשְׁט, הָאט מֶען זִיכֶער אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַסַאךְ דִינִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת אוּן זָאלְסְט מַאכְן פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל שְׁרַייבְּט (לִיקוּטֵי תּוֹרָה, פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא) אַז וְשָׁמְרוּ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל אֶ'ת הַ'שַּׁבָּת אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בִּיאָה; דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל זַיין צֶעקְרִיגְט שַׁבָּת, מֶען זָאל בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵייטְן אוּן נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען וְכוּ'.

**אִיךְ** בִּין גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, הָאבּ אִיךְ בֵּייגֶעוואוּינְט אַן

אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי אַ אִיד וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט אַ דִבּוּק; עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּלַאס אוּן גֶעשְׁוִויצְט. הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַפָּאר יָאר צוּרִיק וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייְדְט אַז אֵיינֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט אַ דִבּוּק וְכוּ'; עֶס אִיז גֶעוֶוען לֵיל שִׁישִׁי אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעוַוארְט צוּ הֶערְן וָואס מוֹהֲרָא"ש גֵייט זָאגְן, צִי דֶער דִבּוּק אִיז אֱמֶת אָדֶער נִישְׁט. מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעפַאנְגֶען דֶעם שִׁיעוּר מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דְרֵייְדְט זִיךְ אִיבֶּער וֶועגְן אַ דִבּוּק אוּן קֵיינֶער כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיר אַלֶע הָאבְּן אַ דִבּוּק; אֵיינֶער הָאט אַ דִבּוּק פוּן גֶעלְט - עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן גֶעלְט, כְּאִילוּ גֶעלְט קֶען הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ. אֵיינֶער הָאט אַ דִבּוּק פוּן נִיאוּף - עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אִין גַאס גְרָאד, עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי אוּן אוֹיף יֶעדֶע מֵיידְל רַחֲמָנָא לִצְלָן"; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דֶעם דִבּוּק אִיז שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן מַיין דִבּוּק, אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אוּן מַיין מַחֲשָׁבָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ וְכוּ' וְכוּ'".

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

# כח

## שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ו אֲדָר, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אַשְׁרֵינוּ** מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת פוּן פּוּרִים, קְרִיאַת הַמְּגִילָּה, מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים אוּן גֶעגֶעסְן דֶעם סְעוּדַת פּוּרִים; מִיר הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען וַויין אוּן גֶעבְּרָאכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען טְרִינְקְט וויין אוּם פּוּרִים אִיז דָאס אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, אוּן מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען בְּרֶעכְט נָאכְדֶעם אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (איוב כ, טו): "חַיִל בָּלַע וַיְקִאֶנּוּ" - דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם דַארְף אוֹיסְבְּרֶעכְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען פוּן אוּנְז.

**בִּפְרַט** דַארְפְן מִיר זַיין פְּרֵיילִיךְ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טַאנְצְן אוּן צוּ פַּאטְשְׁן, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י): "כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִין", דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אִין טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן אִידְן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז פּוּרִים הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טַאנְצְן אוּן צוּ פַּאטְשְׁן אַסַאךְ, הָאט מֶען זִיכֶער אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַלֶע דִינִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**רַבִּי** נָתָן אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף פּוּרִים, אָבֶער עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר

צֶעבְּרָאכְן; עֶר אִיז עֶרְשְׁט אָנְגֶעקוּמֶען שׁוּשַׁן פּוּרִים אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף פּוּרִים, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים"; דֶערְפַאר מַאכְט מֶען שׁוּשַׁן פּוּרִים אוֹיךְ אַ סְעוּדָה אוּן מֶען טְרִינְקְט אַבִּיסְל וַויין.

**אָבֶער** אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן מַשְׁקֶה הַמְּשַׁכֵּר, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כו): "צָרִיךְ לְהַרְחִיק מִשִּׁכְרוּת, וּלְדַקְדֵּק שֶׁלֹּא לִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִיכָלְתּוֹ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי שִׁכְרוּת"; וַוייל אַז מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען וֶוערְט שִׁיכּוֹר - זָאגְט דֶער רֶבִּי: "יוּכַל לָבוֹא לִידֵי רָעוֹת וְכוּ' חַס וְשָׁלוֹם", קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלֶעכְטְס.

**אִין** סֵפֶר הַמִּדּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי אַן אוֹת אִיבֶּער דָאס הַארְבְּקֵייט אוּן עֶקְלְדִיגְקֵייט פוּן אַ שִׁיכּוֹר; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט (אוֹת שִׁכְרוּת, סִימָן ד): "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב מִי שֶׁאֵינוֹ מִשְׁתַּכֵּר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוער עֶס טְרִינְקְט נִישְׁט; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ג): "אִי אֶפְשָׁר לְשִׁכְרוּת שֶׁלֹּא יָבִיא לְאֵיזֶה תַּקָּלָה", עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס וֶוען מֶען שִׁיכּוֹר'ט זִיךְ אָן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען אַ גַאנְץ יָאר.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְטְרָאגְן זֵייעֶרֶע 'פְּרַאזְנִיקֶעס'"; וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן

איז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר תּוֹרָה וּתְפִלָּה און רֶעדְן פון תַּכְלִית. וֶוען רֶבִּי נָתָן איז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צום רֶבִּי'ן הָאט עֶר זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם דִיבּוּר וַוייל עֶר הָאט אויךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס בַּיי חֲסִידִים קוּמְט מֶען זִיךְ צַאם טְרִינְקֶען און פַארְבְּרֶענְגֶען; דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען.

**רֶבִּי** נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֵי עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַז חֲסִידִים מַאכְן פַארְבְּרֶענְגְנִס און מֶען טְרִינְקְט לְחַיִּים וְכוּ', וַוייל דִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג זִיךְ צַאמְצוּנֶעמֶען און שְׁמוּעֶסְן פון יִרְאַת שָׁמַיִם און פון צַדִיקִים, בִּפְרָט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְלֶעגְט מֶען מַאכְן אַ לְחַיִּים און פַארְבְּרֶענְגֶען, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶס גֶעבְּלִיבְּן מִיטְ'ן טְרִינְקֶען וְכוּ'.

**אַמָאל** הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעטְרִינְקֶען שִׂמְחַת תּוֹרָה און עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּ רֶבִּי נָתָן: "אִיר זֶענְט מַיין גַאנְצֶע חַיוּת", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אֱמֶת, אִיךְ בִּין דַיין חַיוּת, אָבֶּער שִׂמְחַת תּוֹרָה טְרִינְקְט מֶען נִישְׁט, נָאר פּוּרִים".

**אַ** מְחַיֶּ' אַ פּוּרִים מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; מֶען לֶערְנְט, מֶען דַאוֶונְט און מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ.

# כט

## זֶע דו זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַ רַחְמָנוּת נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר 'וַיְהִי מִמָּחֳרָת' (כִּי תִשָּׂא), ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

וַיְהִי מִמָּחֳרָת! - דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ וָוארְט וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען; עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ פּוּרִים, אַזַא גְרוֹיסֶע טָאג, בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיי דַיין רֶבִּי'ן און עֶס גֶעוֶוען אַזַא הִתְעוֹרְרוּת, דֶער טִישׁ אִיז גֶעוֶוען גֶעפַּאקְט און עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי דֶערְהוֹיבְּן, מַמָּשׁ וַיָּנֻעוּ אַמּוֹת הַסִּפִּים, דִי וֶוענְט הָאבְּן זִיךְ גֶעהוֹיבְּן אִין דִי לוּפְט, אָבֶּער וָואס אִיז יֶעצְט? וָואס הָאסְטוּ הַיינְט פוּן דִי נֶעכְטִיגֶע גֶעפַּאקְטֶע פַּארֶענְטְשֶׁעס? מוֹהֲרַ"אשׁ פְלֶעגְט דָאס גֶעוֶוענְלִיךְ זָאגְן לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית - אָנְהֵייבּ יָאר, נָאכְן כַאפְּן עֶפְּל שִׂמְחַת תּוֹרָה; וַיְהִי מִמָּחֳרָת - וָואס אִיז יֶעצְט? אַז דו גֵייסְט צוּ אַ רֶבִּי וָואס עֶר קֶען דִיר נִישְׁט מְזַכֶּה זַיין מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה און עֶר קֶען דִיר נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן דַיין מוֹיל אַז דו זָאלְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אוֹיף 'דִיר' אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶפְּנְט נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ - אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶפְּנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא און לֶערְנְט לְכָל הַפָּחוֹת אַ דַף גְמָרָא - אִיז אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יד.): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ג, ז): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה - זֶה שֶׁאֵין

בְּיָדוֹ לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא גְמָרָא", וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? דֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא; וָואס אִיז אַ חִילוּק וִוי גְרוֹיס דַיין רֶבִּי אִיז, צִי עֶר פְּלִיט אִין אַלֶע הִימְלֶען, צִי עֶר פְּלִיט נָאר אִין דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי הִימְלֶען? אוֹיבּ דוּ בַּאקוּמְסְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן תַּכְלִית - אִיז אוֹיף 'דִיר' אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת, עֶס קֶען זַיין אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ בַּאקוּמְסְט גָארְנִישְׁט אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זִיךְ בַּארִימֶען: "אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְפִירְט, אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן מִיר, זֶענֶען אַוֶועק מִיט פוּלֶע הֶענְט, אֵיינֶער מִיט אַ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אֵיינֶער מִיט אַ שַׁ"ס וְכוּ' וְכוּ'"; בָּרוּךְ הַשֵׁם מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קֶענֶען זִינְגֶען אַ שֵׁיינֶעם 'וַיְהִי מִמָּהֶרֶת', בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ זִיץ צוּרִיק בַּיי מַיינֶע סְפָרִים, אִיךְ וֶועל וַוייטֶער לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ אוּן אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא וַהֲלָכָה; נִישְׁט קַיין חִילוּק פּוּרִים, צִי פֶּסַח, צִי וֶוען אִימֶער.

**אִיךְ** קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוֹם הַקָדוֹשׁ בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, שְׁנַת תשס"ז לִפְרָט קָטָן, וֶוען נָאךְ קְרִיאַת הַתּוֹרָה הָאט דֶער גַבַּאי אוֹיסְגֶערוּפְן ווִילַאנְג עֶס גֵייט זַיין הַפְסָקָה אוּן תּוֹךְ כְּדֵי דִיבּוּר זֶע אִיךְ וִוי הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר הֵייבְּט אָן פָארְצוּלֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, אַ דַף גְמָרָא; אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען פַארְגְלִיוֶוערְט

און גֶעקוּקְט: 'וָואס הֵייסְט, יוֹם הַקָדוֹשׁ לֶערְנְט מֶען אוֹיךְ?!' אִיךְ פְלֶעג לֵיינֶען פוּן צַדִיקִים אַז זֵיי פְלֶעגְן לֶערְנֶען בִּשְׁעַת הַפְסָקָה גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער דִבְרֵי חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט לֶערְנֶען פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר גְמָרָא, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲכָנָה פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע מִצְוָה, אָבֶער אַז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם הַקָדוֹשׁ וְכוּ' וְכוּ' - דָאס הָאבּ אִיךְ פַארְדֶעם קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען.

**אִיךְ** זָאג דִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ און אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווִיסְן פוּן רֶבִּי'ן דַיְיקָא דוּרְךְ מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס לֶערְנְט אוּיס און לֵייגְט דִיר פָאר וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז: מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, 'בָּאלְד לֵייגְט מֶען מִיר אַרַיין אִין דֶער עֶרְד און עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן דֶעמָאלְט'; גֶעלְט הֶעלְפְט נִישְׁט דֶעמָאלְט, גָארְנִישְׁט הֶעלְפְט נִישְׁט. אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נַאקֶעט אִין דֶער עֶרְד און עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין וֶוערִים און מַייזְן מִיט אַנְדֶערֶע חַיָ'לֶעךְ, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, וֶועט מֶען דֶעמָאלְט עֶסְן דִי שְׂכַר פוּן דֶעם.

**וֶוער** רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיְדָא דְחַיָיבָא וְאִשְׁתְּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק

אָרְחָא בִישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

וֶוען אַ אִיד קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל פְרֶעגְט מֶען אִים: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן זִיבֶּעצִיג יָאר?" וָואס וֶועלְן מִיר עֶנְטְפֶערְן? וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בּוּשָׁה? וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בִּזְיוֹנוֹת דֶעמָאלְט? אָבֶּער אַז מִיר וֶועלְן קֶענֶען זָאגְן: "וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין מַיין לֶעבְּן? אִיךְ הָאבּ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין

'הַפָּצָה', אִיךְ הָאבּ מְזַכֶּה גֶעוֶוען אַ אִיד זָאל הָאבְּן אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פַאר אַ אִיד אַ קוּנְטְרֵס אוּן בִּשְׁעַת עֶר הָאט דָאס גֶעלֵיינְט הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע: 'אֶפְשָׁר אִיז יָא דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס זֶעט אַלֶעס אוּן הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן'; אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט אַרָאפְּצוּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מִיר הַאלְטְן יֶעצְט אִין אַזֶעלְכֶע דֶערְהוֹיבֶּענֶע טֶעג, יֶעצְט קוּמְט פַּרְשַׁת פָּרָה וָואס מִיר גֵייעֶן זִיךְ מְטַהֵר זַיין פוּן אוּנְזֶערֶע טֻמְאוֹת מֵת, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נִיאוּף, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמב): "הִרְהוּרִים שֶׁל נִיאוּף, הֵם בְּחִינַת אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה, בְּחִינוֹת מֵת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט עֶר טָמֵא מִיט טֻמְאַת מֵת, וָואס דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע טוּמְאָה - אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה. זָאגְט דֶער רֶבִּי "צְדָקָה מַצֶּלֶת מֵהֶם", דוּרְךְ צְדָקָה וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי י, ב): "וּצְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת". אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז וֶוען מֶען קֶען רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, וִוי עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי עֵדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַאר'ן 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי'. עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרַיינְלֵייגְן זַיינֶע הֶענְט אִין טַאשׁ וֶועט עֶר טְרֶעפְן דָארְט גֶעלְט, וְכַּךְ הֲוָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְן גֶעלְט הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי הֶענְט אִין טַאשׁ אוּן גֶעטְרָאפְן גֶעלְט; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אִיךְ גֶעבּ אַ צְוֵוייטֶע סָארְט בְּרָכָה, וֶוער עֶס וֶועט עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, וֶועט אֵייבִּיג הָאבְן גֶעלְט אִין טַאשׁ". גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן תַּלְמִידִים וָואס גֵייעֶן הַפָּצָה יֶעדְן טָאג אוּן זֵיי זָאגְן אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט - זֵיי הָאבְן שְׁטֶענְדִיג גֶעלְט.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, אַ קֶענִיג אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד כַּאפְּן אַ הֶערְשׁ, אוֹיפְאַמָאל זֶעט מֶען וִוי עֶס קוּמֶען אָן שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶענֶעס אוּן עֶס גֵייט אָט אָט אָנְהֵייבְּן גֵיין אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן, אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט'ן קֶענִיג הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קְוֶוענְקְלֶען צִי מֶען זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין צִי נִישְׁט, הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: "אִיךְ מוּז כַּאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, וֶוער עֶס וִויל קֶען צוּרִיקְגֵיין", הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ מוּז כַּאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, וֶוער עֶס וִויל קֶען צוּרִיקְגֵיין".

**אִיךְ** גֵיי נִישְׁט צוּרִיק, אִיךְ בְּלַייבּ מִיט מוֹהֲרָא"שׁ וִוילַאנְג אִיךְ לֶעבּ אוּן אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן כַּאפְּן דֶעם הֶערְשׁ; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וָואס אִיז דִי הֶערְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי וִויל

כַּאפְּן? נָאר צְבִי בַּאטְרֶעפְט הוּנְדֶערְט אוּן צְווֵי, אוּן אֱמוּנָה בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ הוּנְדֶערְט אוּן צְוֵויי; דֶער רֶבִּי וִויל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַי.

**אַ גוּטְן טָאג.**

## ל

### וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת צַו, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אַשְׁרֵינוּ** מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פּוּרִים אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹת פוּן פּוּרִים: קְרִיאַת הַמְגִילָה, מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים אוּן גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדַת פּוּרִים; מִיר הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען וַויין אוּן גֶעבְּרָאכְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מִיר זָאלְן מְתַקֵּן זַיין אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵּן זַיין.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז טְרִינְקֶען וַויין פּוּרִים אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען בְּרֶעכְט נָאכְדֶעם אִיז דָאס מַמָשׁ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (איוב כ, טו): "חַיִל בָּלַע וַיְקִאֶנּוּ" - דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם דַארְף אוֹיסְבְּרֶעכְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען פוּן אוּנְז.

**דֶער** עִיקָר וָואס מִיר דַארְפְן מִיט נֶעמֶען פוּן פּוּרִים אִיז דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה ז:): "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא, עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", מֶען דַארְף צוּ קוּמֶען צוּ וויסְן אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט; אַז עֶס קוּמְט אוֹיף מִיר 'אָרוּר הָמָן' דַארְף אִיךְ עֶס אָנְנֶעמֶען בְּאַהֲבָה פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף מִיר 'בָּרוּךְ מָרְדְּכַי'. דָאס אִיז דֶער חִיּוּב פוּן טְרִינְקֶען אוֹם פּוּרִים, מֶען זָאל זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וויסְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז לְטוֹבָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ד'): "כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז פַאר זַיין טוֹבָה - דָאס אִיז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא.

**נִישְׁט** אַלֶעס קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין; מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה אוּן אִים לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג:): "חַיָּיב אָדָם לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁלֶעכְטְס פּוּנְקְט ווִי עֶר לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ טַאנְצְט אוּן פַּאטְשְׁט, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אוּן פוּן

אַלֶע אִידְן אַלֶע דִינִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י): "כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִין", דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן אִידְן; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז פּוּרִים הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טַאנְצְן אוּן צוּ פַּאטְשְׁן אַסַאךְ, הָאט מֶען זִיכֶער אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַלֶע דִינִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**מוֹצָאֵי** שַׁבָּת וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ וֶועט זַיין אַ שֵׁיינֶע פְּלֶעי וָואס דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וֶועלְן פָארְשְׁטֶעלְן; זֶע צוּ בְּרֶענְגֶען דַיינֶע קִינְדֶער.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

# לא

## מֶען דארְף טְרִינְקֶען אַ גַאנְץ יָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ו אֲדָר, שׁוּשַׁן פּוּרִים, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת פוּן פּוּרִים: קְרִיאַת הַמְּגִילָה, מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים אוּן גֶעגֶעסְן דֶעם סְעוּדַת פּוּרִים; מִיר הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען וַויין אוּן גֶעבְּרָאכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען טְרִינְקְט פּוּרִים וַויין - אִיז דָאס אַ תִּיקּוּן הַבְּרִית, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אוֹיב מֶען בְּרֶעכְט נָאכְדֶעם אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב

כ, טו): "חַיִל בָּלַע וַיְקִאֶנּוּ" - דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם דַארְף אוֹיסְבְּרֶעכְן אַלֶעם וָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען פוּן אוּנְז.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען נֶעכְטְן, אָבֶּער אִיךְ וויל דִיר מְחַזֵק זַיין דו זָאלְסְט אַ גַאנְץ יָאר טְרִינְקֶען. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן טְרִינְקֶען יֶעדְן טָאג אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַשְׁקֶה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה): "אַ גוּט קַאפִּיטְל תְּהִלִים אִיז אַזוֹי וִוי אַ פָּאנְטְשׁ", מִיר דַארְפְן טְרִינְקֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי גוּטֶע מַשְׁקֶה, יֶעדְן טָאג זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִים; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים".

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים, קוּם מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

# לב

## שְׁטֶעל אַהֶער אַ שֵׁיינֶע פְּלֶעי אוֹיף שׁוּשָׁן פּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאף אַז דו וֶועסְט אַהֶער שְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע פְּלֶעי מִיט נָאךְ אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים אוֹיף שׁוּשָׁן פּוּרִים; נֶעם אַ

מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי'ן אוּן שְׁפִּיל דָאס אוֹיף. לֵייג אַרַיין אִין דֶעם אַבִּיסְל מוּסָר אוּן בְּעִיקָר אַסַאךְ לֵיצָנוּת אוֹיפְ'ן סַמֶ"ךְ מֶ"ם.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה כה:): "אָמַר רַב נַחְמָן, כָּל לֵיצָנוּתָא אֲסִירָא בַּר מִלֵּיצָנוּתָא דַּעֲבוֹדַת כּוֹכָבִים דִּשְׁרְיָא", אַלֶע סָארְט לֵיצָנוּת אִיז אָסוּר אָבֶּער לֵיצָנוּת אוֹיף עֲבוֹדָה זָרָה אִיז מֻתָּר; זָאלְסְטוּ מַאכְן אַסַאךְ גֶעשְׁפֶּעט פוּן דִי הַיינְטִיגֶע עֲבוֹדָה זָרָה וְכוּ', וְכוּ'.

**אוֹיב** עֶס אִיז נָאךְ שַׁיָּיךְ צוּ מַאכְן אַ שֵׁיינֶע מַארְשׁ מִיט דִי קִינְדֶער פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה; דַיין כִּתָּה אוּן דִי כִּתָּה פוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.

**יַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר.**

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

קרן הדפסה
היכל הקודש

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיְגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

# לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהֹוָה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהֹוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהֹוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

# מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהֹוָה: יְהֹוָה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהֹוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהֹוָה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

אחר 'אתה סתר לי' - צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

# מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהֹוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

## נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהוָה: בְּלִי־עָוֺן יְרוּצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהוָה־אֱלֹהִים צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהוָה תִּשְׂחַק־לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי: אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה, כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

## עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי*) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה, קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

---

*) באמרך 'אל אלהים' תכוון המילוי כזה: אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְּכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים: אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ.

**תְּפִלָּה** לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְהֹוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

# קה.

הוֹדוּ לַיהֹוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהֹוָה: דִּרְשׁוּ יְהֹוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהֹוָה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ: לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם: וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו: הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו: שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ: שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם: שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ: הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם: שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם: אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם: נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם: אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר: וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם, וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם: וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם: וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל: שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם: פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה: שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָיו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ, אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו: וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ:

# קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן: עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ: כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: אֵיךְ נָשִׁיר אֶת־שִׁיר יְהֹוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר: אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהֹוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

# קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְּתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל מנחם גרשון** נרו יאיר,

בן חי' רבקה

וזוגתו

**מלכה מאטל מינדל** תחי',

בת העניא

וילדיהם

**שרה גיטל, גאלדא**

**שניצלער**

הקדוש ברוך הוא
ימלא את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי שאול יעקב** נרו יאיר,

וזוגתו

**מלכה רחל** תחי',

ובניהם

**נחמה אסתר, חנה פראדל, דבורה גיטל, בלומא, נפתלי צבי, פיגא ליבא, ישראל יוסף, חיה שיינדל, שרה**

**אינדיג**

הקדוש ברוך הוא
ימלא את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל הכהן** נרו יאיר,

בן חי' עלקא

# ראזענבערג

הקדוש ברוך הוא

ימלא את כל משאלות לבו לטובה

ויתברך מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא,

אמן כן יהי רצון.